NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08706

MAYSELEKH FAR KINDER

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מעשהלעך
פאַר קינדער

צווייטער באַנד

באַאַרבעט און צונויפגעשטעלט

אַ. גאָלאָמב

פאַרלאַג יידישע שול אין מעקסיקע

— 1947 —

CUENTOS PARA NIÑOS

LIBRO SEGUNDO

PREPARADO POR EL PROF. A. GOLOMB

EDITADO POR:

COLEGIO ISRAELITA DE MEXICO

— 1947 —

דאָס קינד און זיין חומש

אַמאָל

איז געווען אַ ייד. איז ער געווען אַ גוטער און אַ פרומער, און גאָט און לייט האָבן אים ליב געהאַט. האָט מען אים גערופן: „דער גוטער ייד". האָט דער גו-טער ייד געהאַט גאָלד און זילבער און אַלדאָס גוטס. נאָר קיין קינדער האָט ער ניט געהאַט.

זאָרגט און דאגהט דער גוטער ייד: וואָס טויג מיר דאָס גאַנצע גאָלד און זילבער, אַז מיר זיינען עלנט ווי אַ שטיין, אַז אין שטוב איז נישטאָ קיין קינד, און אַז איך און מיין ווייב וועלן שטאַרבן ווער וועט נאָך אונדז קדיש זאָגן, אַ ליכט אָנצינדן און אונדזער נאָמען דערמאָנען?...

האָבן דער גוטער ייד און זיין ווייב גאַנצע טעג גע-וויינט און געקלאָגט. און ווען די קינדער פון שטאָט פלעגן גיין פון חדר אין די אָוונטן אַהיים, פלעגט דער גוטער ייד אַרויסגיין און זיי טיילן צוקערלעך און זיסקייט. און די

קינדער האָבן אים זייער ליב געהאַט פאַר זיין גוטסקייט און פאַר די שיינע מתנות.

איין מאָל זאָגט דער גוטער ייד די קינדער:

— אויף מיר האָט גאָט קיין רחמנות ניט, אפשר האָב איך זיך פאַרזינדיקט מיט עפּעס אַ גרויסער זינד און גאָט שטראָפט מיך דערפאַר. טוט איר, קינדער תפילה פאַר מיר, אפשר וועט גאָט רחמנות האָבן און איך וועל האָבן אַן אייגענעם זון. האָבן די קינדער גאָט געבעטן פאַר דעם גוטן יידן און אין אַ יאָר אַרום האָט טאַקע זיין ווייב געהאַט אַ זון. איז ער געווען שיין ווי די זון. האָט ער געמאַכט אַ גרויסע סעודה, האָט פאַררופן אַלע אָרעמעלייט פון אַלע אַרומיקע שטעט און מען האָט זיי געגעבן עסן און טרינ-קען דריי טעג נאָך אַנאַנד. און וויין האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער, און אַלע יידן האָבן זיך פאַרמאַטערט צו עסן די געבראָטענע טייבעלעך.

און דער גוטער ייד און זיין ווייב האָבן געהיט זייער זון ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג און דאָס קינד איז געווען זייער גאַנץ לעבן.

זינגט דאָס קינד אַ לידעלע —
שפּילט פאַר זיי אַ פידעלע;
לאָזט דאָס קינד אַ קרעכץ אַרויס —
פאַלט ביי זיי דאָס האַרץ אַרויס.

ב.

אַז דאָס קינד איז אַלט געוואָרן פינף יאָר, האָט דער טאַטע אים איינגעוויקלט אין טלית, פון אַלע בייזע אויגן

פאַרדעקט און אים אין חדר אַריין אַוועקגעטראָגן. געקו-
מען אין חדר, קומט זיי דער רבי אַנטקעגן.

— גוט מאָרגן רבי!

— גוט מאָרגן, גוט יאָר אייך! וואָס וועט איר עפּעס
זאָגן גוטס, גוטער ייד?

— איך האָב מיין זון אין חדר געבראַכט, תורה זאָל
ער לערנען, אַ גוטער ייד זאָל ער זיין.

— מזל טוב, אייך! — זאָגט דער רבי — אַז אַ ייד
ברענגט דאָס ערשטע מאָל דעם זון אין חדר איז עס אַ
יום טוב. דאַרף מען זאָגן מזל טוב. און איצט — זאָגט
דער רבי צום קינד — קום אַקאָרשט אַהער, ייִנגעלע, צו
מיר, האָב ניט קיין מורא און זאָג:

קמץ אלף — אָ

קמץ בית — בָ

האָט דער גוטער ייד געמאַכט אַ יום טוב פאַר אַלע
קינדער פון שטאָט, און אַלע אָרעמע קינדער האָט ער גע-
טיילט גוטע זאַכן צום עסן און קליידער אָנצוטאָן, און
פאַר פּופציק אָרעמע קינדער האָט ער יענעם טאָג באַ-
צאָלט שכר-לימוד פאַר אַ גאַנצן זמן.

דאָס קינד האָט זיך זייער גוט געלערנט, און גאָר אין
אַ קורצער צייט אַרום האָט עס שוין אָנגעהויבן לערנען
חומש. דער טאַטע פלעגט אים אָבער אַלע מאָל אויף די
הענט טראָגן אין חדר אַריין און פון חדר צוריק אַהיים.

האָט זיך דאָס קינד פאַר זיינע חברים געשעמט. זיי
פלעגן לאַכן פון אים:

— גענען אַ ביסל! אַ חומש-יינגל, — און דער טאַטע טראָגט אים נאָך אויף די הענט. האָט ער געבעטן ביי טאַטע-מאַמע, און זיי האָבן אים געלאָזט גיין צופוס.

— גיי מיין קינד — זאָגט די מאַמע — און גאָט זאָל דיך היטן!

און דער טאַטע לייגט אים אַרויף די הענט אויפן קאָפּ און בענטשט אים.

דאָס קינד פרייט זיך וואָס מען לאָזט אים גיין אַליין.

נעמט ער זיין חומש און לאָזט זיך גיין. און דער טאַטע מיט דער מאַמען קוקן אין פענצטער אים נאָך און זיי קוועלן פאַר נחת.

— האָסטו געזען ווי זיין פּנימל שיינט? — פרעגט די מאַמע.

— די תורה וואָס ער לערנט שיינט אים, אין די אויגן! — ענטפערט דער טאַטע.

— הלוואי זאָל אים נאָר קיין בייז אויג ניט שאַטן! — כאַפּט זיך אַרויס די מאַמע.

ביים דיר בעסער אָפּ דיין צונג, — ווערט דער פאָטער ברוגז. וואָס האָסטו מורא? ער גייט דאָך לערנען, לערנען גייט ער דאָך!

— איך ווייס ניט, זאָגט די מאַמע, — נאָר עפּעס קלאַפּט מיר אין האַרצן. זאָל עס זיין צום גוטן!

ג.

און דאָס קינד גייט און פרייט זיך: אַ קלייניקייט, ער



איז שוין אַ גרויסער! ער גייט דאָס ערשטע מאָל איינער אַליין אַזוי ווייט, אין חדר!

און די זון שיינט, און די פייגעלעך זינגען, און עס איז אַזוי ליכטיק און אַ ווינטל גלעט אים די באַקן.

גייט ער אַזוי פאַרטראַכט און פאַרקריכט אויף אַן אַנ־

דער וועג. פאַרקוקט זיך אויף די וואָלקנס וואָס שווימען אויפן הימל, אויף די פייגעלעך וואָס פליִען אונטער זיי, און ער זעט ניט ווי אַראָפּ אַ באַרג איז אים אַנגעלאָפן אַ גרויסע קאַרעטע, מיט דריי פערד געשפּאַנט און פאַר דער קאַרעטע טראָגן זיך, ווי אַ שטורעם צוויי רייטער אויף פאַרשוויצטע פערד מיט אָפענע מיילער און פון זייערע נאָזלעכער יאָגט אַ דאַמף ווי פון אַ קוימען — דער רויך.

און איידער דאָס קינד האָט זיך אַרומגעקוקט, האָט אים אַ רייטער אַ כאַפּ געטאָן, אַ שלעפּ אין דער לופטן און אַ שליידער געטאָן אין קאַרעטע און מען פליט שוין ווייטער.

ווי אַ דונער קלאַפּן די פּאַדקאָוועס פון די פערד, ווי אַ שטורעמווינט יאָגט די קאַרעטע, און אָט איז שוין אַלץ פאַרשוווּנדן, גאַרנישט שוין נישטאָ מער: ניט די רייטער, ניט די קאַרעטע, ניט דאָס קינד. אויס.

ד.

פון נאָך האַלבן טאָג זיצן אין זייער שטוב דער גוטער ייד און זיין ווייב און וואַרטן אויף זייער קינד. קוים זיך אויפן אָוונט דערוואַרט, קינדער גייען שוין פון די חדרים, און זייער קינד איז נאָך אַלץ ניטאָ. גייט דער גוטער ייד אין חדר אַריין, פרעגט דעם רבין:

— וווּ איז מיין קינד? ער איז דאָך היינט אין חדר געגאַנגען!

— ניין! זאָגט דער רבי דערשראָקן — אייער קינד איז היינט אין חדר ניט געקומען! איך האָב געמיינט, אפשר

איז ער ניט געזונט, צי וואָס? אין חדר איז ער היינט דעם גאַנצן טאָג ניט געווען.

איז דער גוטער ייד געלאָפֿן איבער אַלע וועגן און אי־בער אַלע שטעגן; זיין קינד געזוכט, איבער אַלע גאַסן און הויפֿן ביי קינד־ און קייט זיך נאָכגעפֿרעגט:

— צי האָט איר ניט געזען מיין קינד, מיין איין און איינציק קינד?

— ניין און ניין! קיינער האָט ניט געזען און קיינער האָט פֿון אַזאַ קינד ניט געהערט. ניטאָ, אָט ווי אין וואַסער פֿאַרפֿאַלן געוואָרן!

גייט דער גוטער ייד איינגעדרייט אין דרייען; ער קען זיין אומגליק ניט דערטראָגן. גייט ער און קלאָגט, זיין קינד באַוויינט ער. זיינע פּיס ברעכן זיך אים:

ווי וועט ער גאָר אין שטוב אריינקומען און דער מאַ־מען די וויסטע בשורה אָנזאָגן.

אָבער דער מאַמעס האַרץ האָט שוין אַליין געפֿילט די צרה. ער האָט איר שוין גאָרניט געדאַרפֿט דערציילן. אַז ער איז אַריין אין שטוב אַליין, אָן דעם קינד, האָט די מאַ־מע געחלשט און מען האָט זי קוים אָפּגעמינטערט.

אין יענער נאַכט זיינען זיי ביידע גרוי און אַלט גע־וואָרן, די אויגן האָבן זיי זיך אויסגעוויינט און אַ לאַנגע, לאַנגע צייט האָבן זיי געוויינט און געקלאָגט, זייער קינד באַוויינט און קיינער האָט זיי טרייסטן ניט געקאָנט.



ח.

אין דער קאַרעטע וואָס האָט דאָס קינד פאַרכאַפּט
— איז געפאָרן אַ פּוילישער פּריץ, אַ גרויסער פּריץ. אַ ריי-
כער און אַ גרויסער הערשער איז ער געווען אין לאַנד.
האָט ער זיך צעקריגט מיט אַ צווייטן פּריץ, האָט ער זיך
געלאָזט איבער זיין שונאס שטעט און דערפער און גע-
כאַפּט פון דאָרטן דערוואַקסענע מענטשן און קינדער.

אָט אַזוי פלעגן זיך אַמאָל פירן די פּריצים.

און אַז מען האָט געבראַכט דאָס פאַרכאַפּטע קינד
צום פּריץ אין שטוב אַריין, און ער אַליין האָט קיין קינדער
ניט געהאַט, איז עס אים זייער געפעלן געוואָרן, ווייל מיר
וויסן שוין אַז דאָס איז געווען אַ שיינהייט פון אַ קינד —
און ער האָט עס גענומען צו זיך פאַר אַ קינד. מען האָט עס
געקעכלט און געגעבן פון דעם בעסטן, טאַקע ווי מען

האַלט אַ פּריציש קינד און שפּילעכלעך אַ סך האָט מען אים געבראַכט און וואָס נאָר דאָס מויל קען אויסריידן. דאָס קינד האָט אָבער קיין זאַך ניט גענומען, קיין זאַך ניט געגעסן, עס האָט געבענקט אַהיים, נאָך טאַטע-מאַמען. און ווען קיינער פלעגט ניט זען, פלעגט עס אַרויסנעמען זיין חומש און לערנען פאַר זיך. נאָך דעם פלעגט עס אים באַהאַלטן קיינער זאָל אים ניט זען. און אַזוי פלעגט עס זיך פאַרקליבן אין פאַרבאָרגענע ווינקעלעך צו לערנען אין זיין חומש. דאָרטן פלעגט עס זיך אָנלערנען און אויך גאָט בעטן. און אַזוי פלעגט דאָס קינד בעטן:

— גוטער, געטרייער גאָט! ברענג מיך צוריק צו מיין טאַטן, צו מיין מאַמען!

איין מאָל האָט מען געראַמט דעם פּאַלאַץ און מען האָט געפונען דעם חומש, האָט דער דינער גענומען דעם חומש און האָט אים אַריינגעשטעלט אין ביבליאָטעק פון פּריץ. אַז דער יינגל איז געקומען צו דער באַהעלטעניש און ער האָט דעם חומש ניט געפונען אויף זיין שטענדיקן אָרט, האָט ער שטיל, אין זיך, באַוויינט זיין לעצטן גוטן פריינד פון דער היים און זיך בשום אופן זיך ניט געקאָנט טרייסטן. אַ פאַרשוואַרצטער איז ער אַרומגעגאַנגען, און קיין דאָקטער האָט ניט געוווסט וואָס דעם קינד איז. גאַנצע נעכט פלעגט דאָס קינד באַוויינען זיינע עלטערן און זיין חומש.

ו.

האָט גאָט דערזען דעם קינדס צרות און זיין געוויין איז געקומען פאַר אים. האָט ער באַשלאָסן אים צו ראַ-

טעווען. מאַכט זיך איין מאָל אַז דער קייסער ווערט קראַנק און קיינער פון די דאָקטוירים קען אים ניט אויסהיילן.

ווערט דער קייסער אין כעס און הייסט זיי אַלעמען אַרויסטרייבן, און ער זאָגט אַזוי:

— ברענגט מיר דעם ספר פון די רפואות, איך וועל זיך אַליין היילן!

דער פּריץ — וואָס האָט דאָס קינד געכאַפּט — איז דאָס געווען ביים קייסער דער געהילף. איילט ער צו זיך אַהיים, כאַפּט דאָס ערשטע בוך וואָס קומט אים אין האַנט און לויפט צוריק צום קייסער. דער קייסער נעמט דאָס בוך, עפנט עס — ערשט ער קען גאָר ניט לייענען. רופט מען אַלע געלערנטע און אַלע קלוגע לייט פון לאַנד און מען גיט זיי לייענען פון דעם מאָדנעם ספר — קיינער קען ניט, קיינער פאַרשטייט ניט. שטייען זיי אַלע פאַרן קייסער מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, פאַרשעמטע.

זאָגט איינער פון זיי צום קייסער:

— אדוני קייסער! ביי מיין פאָטער האָב איך אַמאָל געזען אַ יידן, האָט ער געהאַט ביכער, זיינען זיי געווען געשריבן אָט ווי דאָס בוך. מוז עס אויך זיין אַ יידיש בוך. זאָל מען ברענגען אַ יידן, וועט ער איבערלייענען פאַרן קייסער וואָס אין בוך איז געשריבן.

לויפט מען איבער דער גאַנצער קיניגלעכער שטאָט און מען זוכט אַ יידן, און מען האָט ניט געפונען, ווייל מען האָט זיי נאָך אַ מאָל אַרויסגעטריבן פון דעם קייסערס שטאָט.

זאָגט דעם קייסערס געהילף:

— גרויסער קייסער! איך מוז זיך מודה זיין: איך בין אַמאָל דורך אַ יידיש שטעטל דורכגעפאָרן, האָב איך דאָרטן אַ יידיש קינד דערזען, איז עס מיר געפעלן גע־וואָרן און איך האָב עס צו זיך גענומען, און עס איז ביי מיר אין פּאַלאַץ. אפשר קען ער עס לייענען אין אָט דעם בוך און דערקלערן פאַרן קייסער.

— ברענגט גיך און געשווינד אַהער צו מיר דאָס קינד! — האָט אויסגעשריען דער קייסער. און דער געהילף איז געלאָפן פייל און בויגן צו זיך אַהיים און האָט געבראַכט דאָס קינד צום קייסער.

און דאָס קינד האָט זיך שטאַרק דערשראָקן און עס האָט אים דאָס האַרץ שטאַרק געקלאַפּט האָט ער שטי־לערהייט, אין זיך, געבעטן ביי גאָט ער זאָל אים העלפן, און אַזוי איז ער אַריין צום קייסער אין צימער.

ווי דער קראַנקער קייסער האָט דערזען זיין שיין, דער־שראָקן פּנים, איז ער אים געפעלן געוואָרן, און ער רופט אים צו צו זיך, און ער פרעגט אים:

— זאָג מיר נאָר, ייִנגעלע, צי קענסטו לייענען און דערקלערן אין אָט דעם בוך, וואָס איך האַלט?

האָט דאָס קינד אַ קוק געטאָן און דערזען:

אוי, עס איז דאָך זיין חומש, וואָס ער האָט אַזוי גע־בענקט נאָך אים! האָט ער זיך גאָר פאַרגעסן ווו ער איז, און פון פרייד אויסגעשריען און אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט:

— גוואַלד, מיין חומש איז דאָ! — און באַלד ווי נאָך ער האָט עס אויסגעשריען, האָט ער זיך דערמאָנט ווו ער איז, האָט ער זיך דערשראָקן און זיך צעוויינט. האָט דער קייסער רחמנות געהאַט אויפן קינד, רופט ער אים צו און זאָגט מיט אַ גוטן שמייכל, אַט אַזוי ווי אַ טאַטע רעדט צו זיין אייגענעם קינד:

— וואָס האָסטו זיך צעוויינט, קינד מיינס, שרעק זיך ניט פאַר מיר, דערצייל מיר אַלץ! דערצייל, קינד!

האָט דאָס קינד זיך געשטאַרקט און ער זאָגט:

— ניין גרויסער קייסער, ניט פאַר דיר האָב איך זיך דערשראָקן. איך ווייס — אין גאַנצן לאַנד ריידן אַלע, אַז דו ביסט אַ גוטער, ווייס איך אַז דו וועסט מיר קיין שלעכטס ניט טאָן. איך האָב אָבער זיך ניט געקאָנט איינ-האַלטן. איך האָב דאָ דערזען דעם ספר, וואָס איז געווען מיין איינציקע פרייד אין מיין לעבן, מיין איינציקער אָנ-דענק פון מיין היים, און ווען איך פלעג אים לייענען באַ-האַלטענערהייט, פלעגט מיר גרינגער ווערן אויפן האַרצן. איז פון מיר דער ספר פאַרלאָרן געגאַנגען, האָב איך נאָך אים געטרויערט, — און איצט, אַז איך האָב מיין ספר דערזען, האָב איך זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן און אַ געשריי געטאָן. זיי מיר מוחל, גרויסער קייסער!

איז דעם קייסער געפעלן געוואָרן, ווי דאָס קינד רעדט אַזוי קלוג, גיט ער אים אַ גלעט און זאָגט:

— גוט, קינד, אָבער דערצייל מיר וואָס איז עס פאַר אַ בוך.

— דאָס איז דאָך אַ חומש, אַ חומש, פון דער תורה! האָט דאָס קינד אויסגעשריען. אַז איך בין אַלט געוואָרן פינף יאָר, האָט מיר מיין טאַטע געקויפט דעם חומש צו לערנען אין אים. און אויב דעם גרויסן קייסער איז ווויל געפעלן צו הערן וועל איך אייך לייענען. האָט ער גענו־מען זיין חומש און ער לייענט, און אַלע דעם קייסערס גע־לערנטע און קלוגע שטייען, הערן און וווּנדערן זיך: דאָס וואָס זיי קענען ניט, קען אַ קליין יידיש קינד! זיי פאַר־שטייען אָבער ניט קיין וואָרט, ניט דער קייסער און ניט זיינע האָרן.

— נו, און פאַרטייטשן קענסטו אונדז אויך? — פרעגט דער קייסער מיט גרויס פריינדשאַפט און ליבע.

— אויב גאָט האָט געגעבן און איך האָב ניט פאַרגעסן וועל איך אייך אַלעמען אַליין דערקלערן, — ענטפערט דאָס קינד.

און אַלע אַלטע און געלערנטע לייט מיט דעם קיי־סער זיצן און שטייען אַרום און זיי הערן און וווּנדערן זיך:

אין דעם לאַנד זיינען אַלע געווען געצנדינער און זיי האָבן קיין מאָל ניט געהערט פון דער תורה. איז זיי אַלעמען שטאַרק געפעלן געוואָרן וואָס דאָס קינד האָט זיי גיך־לייענט, און פון גרויס צופרידנקייט איז דער קייסער גע־זונט און שטאַרק געוואָרן פון זיין קראַנקייט. שטעלט ער זיך פון זיין בעט, נעמט דאָס קינד אויף די הענט, גיט אים אין שטערן אַ קוש און פרעגט אים:

— זאָג מיר, קלוג קינד, וואָס זאָל איך דיר געבן און מיט וואָס זאָל איך דיר באַצאָלן פאַרן אויסהיילן מיך פון מיין קראַנקייט?

— קיין זאַך וויל איך ניט! נאָר טו מיר גוטס און שיק מיך אָפּ צו מיין טאַטע־מאַמען!

— גיך און געשווינד זאָל מען אָפּפירן דאָס קינד! — האָט דער קייסער אַ געשריי געטאָן.

האָבן דעם קייסערס מענטשן באַלד אַ נעם געטאָן דאָס קינד, מען האָט אים אויסגעפּוצט, מען האָט אים אָנגעלייגט פולע קעשענעס מיט גאָלד און מיט זילבער און געשמאַקע צוקערלעך אויפן וועג האָט מען אויך ניט פאַרגעסן און אין קייסערס קאַרעטע אים אָפּגעשיקט צו זיין טאַטן און צו זיין מאַמען.

ז.

גיך לויפן דעם קייסערס פערד, פונקען שפּריצן פון אונטער זייערע פיס, פלינק טראָגט זיך די קאַרעטע אי־בער די וועגן, איבער בערג און איבער טאָלן, איבער פעל־דער און איבער וועלדער. פריילעך קלינגען די גלעקלעך

ביי די פערד אויף די העלדזער, א שטויב בלייבט הינטער דער קארעטע, — און אינעווייניק זיצט דאס קינד און עס קלאפט אים אין הארצן: ער וויל שוין וואס גיכער קומען אהיים, און עס איז ווייט פון קייסערס שטאט צום קינדס שטעטל. און אין אלע דערפער און שטעטלעך ווו די קארעטע פארט דורך, לויפן ארויס קינדער פון די הייזער, פארשטעלן מיט די הענטלעך די אויגן פון דער זון און קוקן פארוואונדערט אויף די פערד, וואס לויפן מיט אויסגעשטרעקטע צינגער, אויף דער קארעטע וואס טראגט זיך, אויף די באדינער וואס זיצן פון פארנט מיט שווארצע רעק, מיט גאלדענע קנעפ, מיט הויכע שווארצע היט און מיט לאנגע בייטשן אין די הענט.

גלין-גלאן, גלין-גלאן

ווער פארט? ווער פארט?

דער קייסער מיט די קינדער?

ניין! ניט קיין קייסער פארט עס, — עס פארט א יידיש קינד וואס מען האט אים צוגעכאפט פון זיין טאטע-מאמע און איצט פארט ער צוריק צו זיי. און עס שיינט אין הימל א קלארע ווארעמע זון, און ווייסע וואלקנדלעך שווימען אונטער דעם בלויען הימל, און אונטער די וואלקנס פליען און זיי זינגען, און עס שמעקן די גראזן און בלומען ביי די זייטן פון וועג, אבער...

— פארוואס גערדויערט עס אזוי לאנג? — זיצט אין קארעטע דאס קינד און טראכט. ער וויל שוין זען זיין טאטע-מאמע!

ח.

און טאַטע-מאַמע? — זיי זיצן די גאַנצע צייט און זיי וויינען און זיי קלאָגן. זיי קענען אַלץ זיך ניט טרייסטן נאָך זייער קינד וואָס זיי האָבן פאַרלאָרן.

— אַזאַ טייער קינד געוועזן!...

אַ טומל, אַ געפּילדער, אַ געיעג און געלאָף: דעם קייסערס קאַרעטע איז אין שטעטל. יונג און אַלט, קינד און קייט לויפן אויפן בייז ווונדער.

— היי, יידן, פרעגט מען פון קאַרעטע — ווייסט איר ניט וווּ עס וווינט דער גוטער ייד? זיין זון פאָרט צו אים!

אין איין מינוט האָבן זיך די אַלטע לייט דערוווּסט און אַרויסגעלאָפן אַנטקעגן. דער טאַטע האָט געלאַכט, די מאַמע האָט געוויינט און אַלע יידן זיינען געשטאַנען אַרום און אַרום און זיך געפרייט.

און גלייך דעם ערשטן שבת האָבן טאַטע-מאַמע אַ שמחה געמאַכט,

האָט גאַנץ שטעטל געקוואָלן און געלאַכט,
האָט מען געטאַנצט און געזונגען,
מיט דער מעשה האָבן שטעט געקלונגען,
האָט מען געמאַכט אַ גרויסן לחיים,
פאַרביסן מיט קיכל —
און די מעשה פאַרשריבן אין אַ ביכל.

גאָט באַצאָלט פאַר גוטס

אמאָל

איז געווען א ייד, האָט מען אים גערופן ר' לייזער. און ער האָט געוווינט אין א קליין דערפל אין די בערג. הויכע בערג ארום און אונטן ביי א קליין טייכל וואָס לויפט מיט אַ גערויש צווישן די שטיינער שטייען וואָס לויפט מי טא גערויש צווישן די שטיינער שטייען עטלעכע קליינע שטיבעלעך בארג אראָפּ, איינס העכער פון דעם צווייטן, איינס איבער דעם צווייטן. אין אלע שטיבלעך האָבן געוווינט פויערים, און אין איינעם האָט געלעבט ר' לייזער מיט זיין ווייב חנה. דורכפאָרער, אורחים, פלעגן אין יענעם דאָרף זיין זעלטן. אז דאָס דערפל ליגט באַהאַלטן אין די בערג, ווייט פון די וועגן וואָס פירן פון שטעט צו שטעט.

איז ר' לייזערן מיט זיין ווייב אומעטיק געווען — איינער אליין צווישן פויערים, און קיין קינדער האָבן זיי אויך נישט געהאט, — איז אין שטוב געווען צו שטיל, צו אומעטיק.

האָבן זיי גענומען האלטן פון דער מיצווה הכנסת אורחים. גייט דורך אַ וואַנדערער, אַן אָרעמער — גיט מען אים

עסן און טרינקען און א ווייכן און ווארעמען געלעגער אויף ביינאכט צו שלאָפן. און אויף מאָרגן ווען דער אָרע־מער אורח פלעגט זיך קלייבן אין וועג אריין, פלעגט אים ר׳ לייזער נאָך מיטגעבן עסן אויפן וועג — צידה לדרך, און אַ פיינע מטבע אין האַנט אַריין.

פלעגט אַמאָל זיך מאַכן אַ שעמעוודיקער אורח וואָס וויל נישט נעמען קיין נדבות, פלעגט אים ר׳ לייזער די נדבה באהאלטן אין זיין פעקל א מתן בסתר, דער אורח זאָל גאָר נישט וויסן פון וואנען די נדבה האָט זיך גענומען.

און ר׳ לייזער מיט זיין ווייב האָבן געהאָפט אז אין זכות פון דער מיצווה הכנסת אורחים וואָס זיי היטן אָפ וועט זיי גאָט געבן א קינד. און חנה ר׳ לייזערס פלעגט אין דער שטיל וויינען און בעטן ביי גאָט ער זאָל איר צו־שיקן אַ קינד. און ווען זי פלעגט אַן אורח געבן עסן, פלעגט זי אין דער שטיל מורמלען ווי צו זיך אליין:

— רבונו של עולם! גוטער גאָט, הארציקער גאָט! זע צו מיין פיין און מיין אומעט, און שיק מיר אין זכות פון דער מיצווה וואָס איך טו א קינד וואָס זאָל לערנען און טומלען, וואָס זאָל וויינען און שרייען, כדי עס זאָל נישט אזוי טרויעריק און אַזוי שטיל זיין אין שטוב.

איז דאָך אָבער דאָס דערפל געלעגן ווייט פון די גרוי־סע וועגן, פלעגן זיך אין דערפל מאכן זעלטן אורחים. האָט ר׳ לייזער געדונגען א פויעריש יינגל ער זאָל זיצן ביי די וועגן און ער זאָל צו אים ברענגען אלע אָרעמע גייער

און פאַרער וואָס דאַרפן א נאַכטלעגער, אַלע הונגעריקע זיי זאָלן אָפּעסן, אַלע דאַרשטיקע זיי אָנצוטרינקען.

ב.

איין מאָל קומען זיך צונויף אין הימל אַלע מלאכים פאַר גאָט און זיי הייבן אָן צו דערציילן וואָס פאַר א מענטשן עס זיינען אַלץ פאַראַן אויף דער וועלט — גוטע און שלעכטע, זינדיקע און צדיקים, שמוציקע און ריינע, טומלער-שרייער און שטיל-באשיידענע, בייזע און גוטהאַרציקע.

דערציילט איין מלאך —

איבער די בערג איז ער געפלויגן, גאַר פאַרבלאָנדזשעט, האָט ער דאָרטן טיף אונטן, צווישן די בערג א קליין דערפל דערזען, אפילו די מלאכים האָבן מסתמא אָן דעם דערפל פאַרגעסן. און אין דעם דערפל האָט ער, דער מלאך, געפונען א מציאה: א פשוטער ייד וווינט דאָרטן מיט זיין ווייב, זיינען זיי אַזוינע גוטע, אַזוינע האַרציקע, אַז ס׳איז גאָר א ברכה פון גאָט. אַלע הונגעריקע זעטיקן זיי אָן, אַלע דאַרשטיקע טרינקען זיי אָן, אַלע פאַרוואַגלטע גיבן זיי אָן אָפּרו. און עס איז גאָר נישטאָ נאָך אַזוינע גוטע מענטשן ווי ר׳ לייזער און זיין חנה.

שטעלט זיך אַוועק דער בייזער שטן וואָס וויל נאָר שלעכטס טאָן צו מענטשן און וואָס ער טראַכט אויס אויף מענטשן אַלדאָס בייז און ער ווערט אין כעס: ווי קען ער דער בייזער שטן גאָר הערן ווי מען דערציילט גוטס אויף מענטשן!

— ס'איז א ליגן! — שרייט דער שטן, — אלע מענטשן זיינען שלעכט און בייז, נישטאָ קיין גוטע מענטשן אויף דער וועלט! און אַט ר' לייזער מיט זיין חנה זיינען אויך שלעכטע, נאָר זיי פאַרשטעלן זיך פאַר גוטע, נישטאָ קיין גוטע מענטשן אויף דער ערד! אַזוי שרייט דער בייזער שטן און שטעלט אָן זיינע טויזנט בייזע אויגן אויף אלע אנדערע מלאכים, ביז זיי דערשרעקן זיך פאר אים און ווערן שטיל.

— אַט וועל איך אַראָפּגיין, — שרייט ווייטער דער בייזער שטן, — און איך וועל ווייזן, אייער ר' לייזער דאָרטן איז נישט בעסער פון אלע אנדערע שלעכטע און בייזע מענטשן וואָס זיי פילן אָן די גאנצע ערד. איך וועל אייך ווייזן!

ג.

און דאָרטן צווישן די מלאכים איז אויך געווען אליהו הנביא. הערט ער ווי דער שטן רעדט אזוי און ער טראַכט ביי זיך:

— דער שטן איז א בייזער און א שלעכטער און א גרויסער אָפּנאַרער דערצו, — קען ער אָפּנארן א מענטשן, פארפירן אים, איינריידן אים צו טאָן שלעכטס און נאָך דעם וועט ער אליין, דער שטן, קומען און מסרן אויף דעם אָרעמען און נארישן מענטשן וואָס האָט זיך געלאָזט איינריידן, און ער וועט נאָך אָנמאַכן צרות די אָרעמע מענטשן. זאָגט אליהו הנביא:

— איך וועל גיין אויספּרובירן ר' לייזערן מיט זיין ווייב צי זיי זיינען אמתע גוטע אָדער נאָר פארשטעלטע. איך

גיי אָפּט צווישן מענטשן, איך קען זיי בעסער, אָבער איך נאָר זיי קיין מאָל נישט, איך פארפיר זיי נישט און איך רייד זיי נישט איין צו שלעכטס. לאָמיך גיין זען צי ר׳ לייזער איז גוט מיטן גאנצן הארצן אָדער ער וויל נאָר אָפּנאַרן גאָט און לייט. זאָגן די מלאכים — גיי! גיי און זאָל דיר גאָט העלפן.

לאָזט זיך אליהו הנביא אראָפּ און פארשטעלט זיך פאר אן אָרעמאן, א בעטלער וואָס גייט איבער די הייזער. קומט ער, אליהו, פאר א בעטלער פארשטעלט, אין ר׳ לייזערס דאָרף פונקט שבת בייטאָג ווען יידן רוען און גייען נישט אין ווייטע וועגן.

קלאפּט ער אין ר׳ לייזערס טיר אָט ווי ער גייט אין זיינע וואָכעדיקע צעריסענע קליידער מיטן שטעקן און מיט דער טאָרבע אויף די פּלייצעס. און ר׳ לייזער שלאָפט גאָר נאָכן שבתדיקן עסן און רוט זיך אויס פאר דער גאנצער וואָך. הערט ער פון שלאָף — מען קלאפּט אין טיר; וואונדערט ער זיך: ווער קומט עס איצט אום שבת צו אים? עפנט ער אויף די טיר און ער דערזעט — א ייד גייט עס אום שבת אין א ווייטן וועג. און דער בעטלער, דער גייער פרעגט:

— זייט איר א ייד? טאָ גוט מאָרגן אייך!

טראַכט זיך ר׳ לייזער: אפילו קיין „גוט שבת" זאָגט ער נישט, נאָר א וואָכעדיקן „גוט מאָרגן". און ער פרעגט זיך אויף א יידן, האלט ער נישט פון קיין שבת? וויל ער פרעגן דעם גייער, אָבער ער האלט זיך איין און ער טראַכט: איך דאַרף געבן עסן דעם הונגעריקן, איך דאַרף

געבן אַ טרונק דעם דאָרשטיקן, אַ נאַכטלעגער דעם פאַר-מאַטערטן, א היילונג — דעם קראַנקן, א הילף — דעם נויטבאדערפטיקן, — אָבער ״זטראָפן עמיצן —דאָס דאַרף איך נישט.

און דער אָרעמער בעטלערישער גייער, דער פאַר-שטעלטער אליהו הנביא, גיט א זאָג צו ר׳ לייזערן:

— גיב מיר עסן און טרינקען, ווייל איך בין טויט הונ-געריק און פארמאטערט פון דעם שווערן וועג דאָ אין אייערע בערג.

וואונדערט זיך ר׳ לייזער אויף אַזאַ יידן, אָבער ער זאָגט אים קיין וואָרט נישט פארוואָס ער היט נישט קיין שבת און ער רעדט צו אים אזוי גראָב, נישט אָנשטענדיק. אפי-לו קיין „זייט אזוי גוט״ נישט געזאָגט. מילא, — טראכט ער: אלערליי פאראנגען מענטשן ביי גאָט אויף דער וועלט. נישט איך דאַרף עמיצן מוסרן, עמיצן שטראָפן.

פירט ער דעם אָרעמען גאסט אריין צו זיך אין שטוב, גיט אים וואסער דעם שטויב פון וועג אָפצוזוואשן, גיט ער אים עסן און טרינקען, און אליהו הנביא מאַכט זיך ווי ער עסט — אַלע טעלער ליידיק געמאַכט און ער בענטשט ניט,

און ער דאנקט נישט גאָט פאַר דעם גוטן אָפרו וואָס ער האָט אים צוגעשיקט. און ר׳ לייזער זאָגט אים גאָרנישט און פרעגט אים גאָרנישט. זיצט ער און קוקט אריין אין זיינע שבתדיקע ספרים ווי ער טוט אַלע שבת נאָכן שלאָף און חנה זיין ווייב לייענט אין אירע שבתדיקע ספ-רים. און דער אורח ווי נאָר ער האָט אָפגעגעסן, קיין

וואָרט נישט געזאָגט, און בענטשן נישט געבענטשט, קיין דאנק קיינעם נישט געזאָגט, זיך אויסגעצויגן אויף דער פארבעטעטער בעט און איינגעשלאָפן און געגומען כראָפּען, כאָטש אַנטלויף פון שטוב.

שפּעטער האָט ר׳ לייזער געדאַוונט מינחה, מעריב. דער אורח נישט. פון דעסטוועגן האָט ר׳ לייזער און זיין ווייב חנה דעם אורח טייער געהאַלטן ווי א גוטן גאסט און נישט געלאָזט גיין ווייטער ביז ער וועט איבערנעכטיקן ביי זיי, חנה האָט אים אויסגעבעט א גוטן געלעגער — ער דאַרף זיך אויסרוען פון זיין שווערן וועג.

ד.

אויף מאָרגן אז דער בעטלער איז אויפגעשטאנען פון זיין שלאָף האָט ער שוין געפונען ר׳ לייזערן ווי ער שטייט און דאַוונט. האָט ר׳ לייזער פאַרהאַלטן דעם אורח ביז פרישטיק, האָט אים געגעבן גאָר א פיינע נדבה און זיך מיט אים געזעגנט גאָר פריינדלעך.

דאָ האָט שוין אליהו הנביא זיך נישט איינגעהאַלטן, נעמט ער אָן ר׳ לייזערן פאר דער האַנט. און ר׳ לייזער ווערט פאַרוואונדערט, אז דער אורח איז עפּעס גאָר אן אַנדערער. שוין גאָר נישט דער פריערדיקער גראָבער נפש, נאָר עפּעס שיינט פון אים די גוטסקייט ווי פון א מלאך. קוקט ער און ער שווייגט. און דער פארשטעלטער אורח גיט א שמייכל און ער זאָגט:

— זיי וויסן, ליבער ייד, אז איך בין אליהו הנביא, און איך בין געשיקט געוואָרן דיך אויסצופּרווון, זען צי איר

זייט גוט מיט אן אמת, אָדער איר מאכט זיך נאָר פאַר גוטע. איצט האָב איך געזען, אז דו ביסט א גרויסער אוהב ישראל — דו האָסט ליב אַלע יידן, אפילו די נישט פרומע אויך, איטלעכער ייד איז דיר טייער, און דו נעמסט זיך נישט איבער מיט דיין גוטסקייט, דו האַלסט זיך גיט גרויס און דו טוסט עס מיטן גאנצן הארצן. טאָ זאָג מיר איצט וואָס אייך פעלט און איך וועל בעטן פאַר אייך ביי גאָט ער זאָל אייך ממלא זיין.

דערשרעקט זיך ר׳ לייזער דערהערנדיק די ווערטער און ער קען פאַר שרעק אפילו קיין וואָרט נישט ארויס-ריידן. צעשמייכלט זיך אליהו הנביא און זיין פנים שיינט פון גליק, וואָס דער שטן דער בייזער האָט ניט געטראָפן, און ער זאָגט צו ר׳ לייזערן:

— דאַרפסט מיר גאָרנישט זאָגן. איך ווייס אליין וואָס אייך פעלט. און זאָרגט נישט: איבער א יאָר אין דער צייט וועט איר געבענטשט זיין מיט א זון, און זיין ליכט וועט שיינען פאַר אַלע יידן אין אַלע צייטן און רופן זאָלט איר אייער זון, וואָס וועט ביי אייך געבוירן ווערן, ישראל!...

און ווי נאָר דאָס אָפּגעזאָגט — און שוין נישטאָ, נעלם געוואָרן אליהו הנביא, נישט געוואָרן. און ר׳ לייזער האָט זיך אזוי דערשראָקן אז ער איז געפאלן און געחלשט. האָט חנה זיין ווייב דערהערט זיין פאַל אין צווייטן צימער, איז זי אריין א דערשראָקענע און גענומען ווייגען און מינ-טערן איר מאַן, ביז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און ער האָט איר אַלץ דערציילט. האָבן זיי ביידע אָפּגעמאכט ביי זיך קיינעם קיין וואָרט נישט דערציילן וועגן דעם וווּנדער-

לעכן גאסט און וועגן זיינע רייד. האָבן זיי שטילערהייט נאָט געדאנקט און געוואַרט.

ה.

אין א יאָר ארום האָט טאקע חנה ר׳ לייזערס געבאָרן א זון און מען האָט אים א נאָמען געגעבן ישראל. האָבן טאַטע-מאַמע צו זיין ברית געמאַכט אַ גרויסע סעודה פאַר אָרעמע און א סך צדקה געגעבן. אָבער ר׳ לייזער און זיין ווייב זיינען שוין געווען אלטע לייט און זיי זיינען גע-שטאָרבן ווען זייער זון ישראל איז נאָך גאָר יונג געווען. האָט זיך דער קליינער יתום ישראל געהאָדעוועט אליין און אז ער איז אויסגעוואָקסן איז ער געווען ר׳ ישראל בעל שם טוב, דער רבי פון אלע יידן.

װעסטו זאָרגן פאַר דײַן מאָרגן,
װעסטו ניט דאַרפן באָרגן.

(אַ מעשה פון פאַרצײַטן)

ערגעץ

װײַט, איז אין פאַרצײַטיקע יאָרן געװען אַ גרױסער רײַכער מאַן, האָט ער געהאַט אַ סך גאָלד און זילבער און טײַערע שטײנער און אַלע גוטע זאַכן. און אַ זון האָט דער עושר געהאַט אַן אײן און אײנציקן. האָט דער זון געהאַט פון כל טוב, װאָס נאָר אַ מױל קען אױס-רײדן האָט ער געקראָגן. האָט אים גאָרנישט געפעלט, סײדן אפשר פײגל-מילך.

טראַכט זיך אײן מאָל דער רײַכער מאַן:

— עס איז נישט גוט אַזױ װאָס מײַן זון טוט גאָרנישט און האָט אַלץ. אַ מענטש איז געבאָרן צו האָרעװען און נישט צו זײַן אַ פױלער. דעריבער װעל איך אים מער אין שטוב נישט האַלטן. זאָל ער איבער דער װעלט פאָרן, זאָל ער זען װי מענטשן לעבן און זאָל ער אַלײן פאַרדינען און װערן אַ מענטש װי עס דאַרף צו זײַן.

רופט אַרײַן דער רײַכער מאַן זײַן זון און זאָגט אים אַזױ:

— הער מיין זון. אַ מענטש דאַרף האָרעווען און ניט לעבן פון דעם גרייטן. דיר איז צו גוט. און אַז גאָט וועט צונע־מען פון דיר די רייכקייט וואָס וועסטו טאָן? דעריבער וועל איך דיך מער אין שטוב נישט האלטן. נאַ דיר, איך האָב פאַר דיר געקויפט אַ שיף מיט אַלע סחורות, גיי אַריין אין שיף, פאָר אין אַלע עקן וועלט, האַנדל אַליין, פאַרדין און אַז דו וועסט פאַרקויפן גאָר די סחורה וואָס אין שיף און האָבן אַ סך געלט, מעגסטו קומען צוריק צו מיר און איך וועל זען אַז דו ביסט געוואָרן אַ מענטש ווי עס דאַרף צו זיין. און דערווייל וועסטו אין ווייטע לענדער זען ווי מענטשן לעבן אויף גאָטס וועלט און דו וועסט ווערן אַ קלוגער און אַ דערפאַרענער מאַן, און אַלע וועלן פאַר דיר האָבן דרך ארץ.

האָט דער אַלטער טאַטע אָפּגעזאָגט דאָס און זיך מיט זיין זון געזעגנט, אים געקושט און זיך גוט אָנגעווײנט אויף זיין האַלדז, און געהייסן דעם זון גיין. איז דער זון אוועק צום ברעג פון ים ווו די שיף איז געשטאַנען, באַ־קוקט און באַטראַכט די שיף און אַלץ וואָס אין איר, און געהייסן די מאַטראָסן זיך לאָזן אין ים אַריין.

— וווהין? — פרעגט דער קאַפּיטאַן

— וווהין די אויגן טראָגן, ענטפערט דער יונגער זון פון רייכן מאַן וואָס איז מיט איין מאָל געוואָרן דער דעה זאָגער אויף אַזאַ גרויסן רייכטום און אויף מענטשן.

און מען פאָרט אַ טאָג, מען פאָרט אַ צווייטן, מען איז שוין אין מיטן ים, — און אָט איז עס געוואָרן מיט אַמאָל אַ שטורעם, פינצטער דער הימל, שוואַרץ דער

ים, און עס רוישט און עס שטורעמט, און עס דונערט דער הימל און ים צוזאמען, כוואליעס ווי די גרויסע הייזער לויפן אָן מיט כעס און רוגזה און שלאָגן אין די זייטן פון שיף, און די שיף וואַקלט זיך, וואַרפט זיך ווי אַ שפענדל פון כוואליע צו כוואליע. אַט איז אָנגעלאָפן אַ ווינט און צעפליקט די זעגלען פון שיף, אַט קומט אַ צווייטער און צעברעכט די מאַסטביימער. ווי אַ שערבל האַלט זיך די צעבראָכענע שיף אויף די כוואליעס. און דער ווינט ווערט אַלץ בייזער, ווי טויזנטער הינט ווויעט ער דער ווינט, דער שטורעם ווערט אַלץ שטאַרקער, די כוואַליעס — אַלץ העכער און געדיכטער; אַט גיט אַ זעץ אַ כוואַליע אין זייט פון שיף, איינע און אַ צווייטע — די שיף איז שוין צעלעכערט און זי זינקט, זינקט מיט אַלץ וואָס אין איר. דער יונגער באַלעבאָס האָט דאָס דערזען, האָט ער געכאַפּט אַ גרויסע ברעט און אַ שפרונג געטאָן אין ים אריין, און די ברעט טראָגט אים, טראָגט — ער ווייס אַליין ניט וווהין. ווער ווייסט ווו עס זיינען אַלע זיינע מענטשן? ער שטרענגט אָן זיינע אויגן, ער זעט נישט קיינעם. און ווען די זון האָט גענומען אויפשיינען אין פרימאָרגן האָט ער דערזען ווי דער הימל און ים האָבן זיך באַרויקט, שטיל דער ים, נישט צו דערקענען אַז אָט איז ער געווען אַזוי שטורמיש. און אין ווייטן מיזרח ווו די זון איז אויפגעגאַנגען האָט ער דערזען אַ פּאַס ערד, ווי אַן אינדזל אין מיטן ים, און די ברעט טראָגט אים גלייך צום ברעג. האָט ער גאָט געדאַנקט וואָס ער האָט

אים גערא‍טעוועט און איז געפאלן א מידער אויף דעם זאמד פון ברעג און איז איינגעשלאָפן.

ב

וויפל ער איז אזוי געשלאָפן ווייסט ער נישט — א שעה צי אַ טאָג — ווער ווייס — נאָר אויפגעכאַפּט האָט ער זיך פון שטארקן הונגער. האָט ער זיך אויפגעהויבן ווי שוואך און פארמאטערט ער איז נישט געווען און ער האָט זיך געלאָזט איבער דעם ברעג זוכן — אפשר וועט ער עפּעס געפינען צום עסן.

ווי ער גייט אזוי אויף דעם ליידיקן זאמדיקן ברעג, ערשט ער זעט: א פיין געפלאסטערטער וועג ציט זיך פון ברעג טיף אין אינדזל אריין. לאָזט ער זיך גיין אויף דעם וועג. — אז עס איז דאָ א וועג, זיינען דאָך דאָ די וואָס האָבן דעם וועג געמאכט. גייט ער אזוי א שעה און צוויי און ער דערזעט פון ווייטן א שטאָט. א גרויסע שטאָט מיט הויכע שיינע מויערן, מיט טורעמס און מיט שפּיצן. פרייט ער זיך — אָט דאָ וועט ער געוויס קריגן צו עסן. און ער פארגעסט אז ער איז הונגעריק, גיך גייען זיינע פיס ביז ער קומט נענטער צו די ווענט פון שטאָט. נאָר וואָס איז דאָס?

— ווי ער האָט זיך דערנענטערט צו דער שטאָט איז דאָרטן אין שטאָט געוואָרן א טומל: אויף די שפּיצן פון די טורעמס האָבן מענטשן אָנגעהויבן צו פייפן, און עס איז געוואָרן א געלאַף, די גלעקער האָבן זיך צעקלונגען, ער הערט פויקן און טרומייטן אָן א שיר... האָט ער זיך

פארטראכט און זיך אָפּגעשטעלט. ערשט עס עפענען זיך די טויערן פון שטאָט. אַ גאַנצע מחנה מענטשן גייט אים אנטקעגן, א כאָר פון מיידלעך אין ווייסן זינגט פון פאָרנט, קאַפּעליעס מוזיק שפּילן פון הינטן. און הינטער די מענטשן גייט אַ קאַראָט באַגילדעט, איינגעשפּאַנט צו זעקס פּאָר פערד איינס נאָך איינס. און די גאנצע מחנה קומט צו צו אים און מען שרייט: „לעבן זאָל אונדזער קי־ניג, לעבן זאָל דער קיניג!"...

— וואָס איז דאָס, א חלום? טראכט דער אָרעמער גייער. נאָר ער האָט נישט קיין צייט צו טראכטן ווי עס גייען צו אים צו צוויי פון די עלטסטע, זיי נעמען אים אונ־טער די אָרעמס און מען זעצט אים אריין אין דער גילדע־נער קאַראָט, זיי ביי די זייטן, און אַ פורמאַן געפּוצט מיט גאָלד און זילבער פון פאָרנט און — מען פאָרט אין שטאָט אריין.

— וואָס טוט זיך דאָ מיט מיר? — וויל דער פרעמדער פרעגן און די אלטע ענטפערן: שווייג, דו טאָרסט דאָ קיין זאך נישט פרעגן. דו ביסט טאקע אונדזער קייסער, אָבער פרעגן קיין זאך ביי קיינעם טאָרסטו נישט. און אַזוי איז מען ארייגעפאָרן אין שטאָט. מענטשן טאנצן אין די גאסן און מען זינגט:

יחי המלך!
לאָמיר זיין פריילעך!
לעבן זאָל דער קיניג
דער קיניג זאָל לעבן
אל דאָס גוטס זאָל

אים גאָט געבן,
געבן זאָל אים גאָט
וואָס ער וויל אליין
ונאמר אמן!

ג

און אזוי איז דער גערעטעוועטער, הונגעריקער פרעמדער געוואָרן א קיניג אין א פרעמדן רייכן לאנד. און ער קיניגט שוין א וואָך און צוויי און דריי — און ער קען אלץ נישט פארשטיין וואָס דאָ טוט זיך מיט אים.

איין מאָל רופט ער אריין צו זיך זיין געטרייסטן קנעכט און זאָגט אים: דו מוזט מיר איצט אלץ דערציילן, אלץ אויסזאָגן. ביז א העלפט פון מיין מלוכה גיב איך דיר אוועק פאר דעם אמת וואָס דו וועסט מיר זאָגן.

זאָגט דער קנעכט אזוי צו זאָגן: אדוני מלך, מיין האר און קיניג! טאָרן טאָר איך נישט דערציילן דיר דעם סוד. זיי וויסן אז אַלע מיר האָבן א שבועה זיך געשוואָרן דיר גאָרנישט צו דערציילן ביזן סוף, נאָר אזוי ווי דו ביסט א גוטער און א פרומער האָב איך געפרעגט ביי די חכמים פון דער שטאָט און זיי האָבן מיר דערלויבט דיר צו דערציילן אויב דו וועסט פרעגן. האָב איך גע-װאַרט און איך פריי זיך איצט וואָס דו האָסט מיך גע-פרעגט. און די מעשה איז דאָ אזא: זיי וויסן אז מיר דאָ זיינען אויף א גרויסן און א רייכן אינדזל. און מיר זיינען מענטשן פון אן אנדער וועלט: מיר שלאָגן זיך נישט און מיר פירן נישט קיינע מלחמות אזוי ווי איר. און אלע אונ-

דזערע מענטשן האָבן זיך געשוואָרן אז איינער טאָר נישט הערשן איבער דעם צווייטן, ווייל גאָט האָט באַשאַפן אלע מענטשן גלייך, און אלע שטאַמען פון איין טאַטן און פון איין מאַמען. וויל קיינער פון אונדז נישט זיין קיין קייסער איבער דעם לאַנד. אָבער אָן א קייסער קען מען דאָך נישט, האָבן מיר באַשלאָסן צו נעמען איטלעכ מאָל אַ פרעמדן וואָס דער ים ברענגט צו אונדז און אים מאַכן פאַר א קייסער. אזוי אָבער ווי דער קייסער קען ווערן ביי זיך גרויס און מיינען אז ער איז איבער אונדז א באַלעבאָס אויף אלע מאָל, האָבן מיר אן אָפּמאַך צו האַלטן א קייסער נאָר איין יאָר. נאָך דעם יאָר נעמען מיר דעם קייסער, מיר נעמען אראָפּ פון אים די קרוין, מען טוט אים אויס די קיניגלעכע קליידער, מען זעצט אים אריין אין א קליין שיפעלע און מען פירט אים אוועק אויף יענעם אינדזעלע וואָס דו זעסט פון וויטן דאָרטן וויט אין מיטן ים און מען לאָזט אים דאָרטן איינעם אליין, און מיר וואַרטן אויף א נייעם מענטשן צו מאַכן אים פאַר א קייסער... אָבער קיינער טאָר נישט וויסן — האָט דער קנעכט געזאָגט — אז איך האָב דיר דערציילט.

ווי דער קייסער האָט אויסגעהערט די מעשה, איז ער געוואָרן זייער דערשראָקן: אָט אין גיכן וועט זיך דאָס יאָר ענדיקן, און וואָס וועט זיין מיט אים שפּעטער. ער האָט זיך אָבער געמאַכט הארץ און איז געזעסן רויק אויף זיין טראָן. און ווי ער וואָלט געווען אין גאַנצן רויק פרעגט ער דעם קנעכט: —

— נו, און וואָס איז געוואָרן מיט די פריערדיקע קיי־סאָרים אויף יענעם קליינעם אינדזעלע?

— מען ווייסט נישט — האָט דער קנעכט געענט־פערט — שילוחים' וואָס אונדזער לאַנד האָט געשיקט האָבן קיינעם אויף דעם אינדזעלע נישט געפונען. זיי האָבן געמוזט דאָרטן שטאַרבן פון הונגער.

האָט זיך דער יונגער קייסער פאַרטראַכט גאָר שטאַרק. דריי טעג און דריי נעכט האָט ער געטראַכט און געטראַכט און האָט זיך דערטראַכט. ער האָט אויס־געקליבן צען פון זיינע בעסטע קנעכט און האָט זיי שטילערהייט ביינאַכט אוועקגעזעצט אויף א שיף און אויף יענעם אינדזל אָפּגעשיקט: גייט דאָרטן, בויט היי־זער, פלאַנצטביימער און וויינגערטנער, אַקערט די ערד און זייט דאָרטן אַלע גוטע געוויקסן. אָבער גע־דענקט קיינער זאָל נישט וויסן און וואָס עס וועט אייך פעלן זאָלט איר צושיקן איינעם פון אייך ביינאַכט צו מיר און איך וועל אייך אַלץ געבן. און וואָס עס וועט אויף דעם אינדזל אויסוואַקסן וועט זיין אונדזער אַלע־מענס. איטלעכער וועט האָבן א גלייכן חלק. און די קנעכט האָבן אַזוי געטאָן ווי דער קלוגער קייסער האָט זיי געהייסן. און די מענטשן פון שטאָט האָבן גאָר נישט געוווּסט.

און אַז עס איז געקומען די צייט, דאָס יאָר האָט זיך געענדיקט, זיינען געקומען די מענטשן פון שטאָט צו מאַכן אים אויס קיניג. — האָט זיך דער קיניג גאָר נישט

דערשראָקן, גאָר נישט געוויינט און זיך געלאָזט פריי-
לעך פאָרן אין זיין ניי לאנד.

געקומען, איז שוין געווען גרייט אַלדאָס גוטס. און
דער קייסער האָט זיך געפרייט וואָס ער דאַרף שוין מער
נישט זיין קיין קייסער און ער מיט זיינע געטרייע
מענטשן וואָס זיינען שוין מער קיין קנעכט נישט געווען
נאָר גלייכע באַלעבאטים האָבן געמאכט א סעודה א
גרויסע.

זיי האָבן געטרונקען און געגעסן
און מיר זיינען פון וויטן געזעסן.
זיי האָבן גאָט געדאנקט און געלויבט
און מיר האָבן אמן געזאָגט.

מיזעלע מייזעלע

אין אַ פּעלדל, צי אין אַ וועלדל,
שטייט אויף הינערפיס אַ הייזל,
האָט געוווינט אַמאָל, דערציילט מען,
דאָרט אַ קעצל מיט אַ מייזל.

האָט געליבט די קאַץ דאָס מייזל
און פון אַרבל פלעגט עס שפּייזן,
האָט געקליידט עס און געשוכט עס
קליינע שיכעלעך פון אייזן.

איז געגאַן מיט דעם אויף שמחות
און אויף חתונות און בריתן
אַזוי לאַנג מיט דעם געשלעפט זיך,
ביז ס'האָט שיכעלעך צעריסן.

זיצט שוין מייזל אויפן אויוון...
איז די קאַץ אַוועק מיט קאָטער
אויף אַ שפּרונג זיך אויסצולערנען
ביי דעם שפּרעכער, ביי דעם טאַטער

פאַר דעם מייזל אויף צו לעבן,
עס זאָל קאָנען זיך פאַרדינען,
ביזן מויל אַריין זאָל האָבן,
איבער בערדל זאָל דעם רינען׃

האָט זיי אויסגעלערנט טאַטער,
האָט זיי „בריוועלעך" מיטגעגעבן,
וואָס אויף טאַטערש און אויף טערקיש
איז אין זיי געווען געשריבן.

און זיי אָנגעזאָגט, געלערנט,
וואָס צו טאָן מיט זיי זאָל מייזל,
און פון דעמאָלט, און מע ווייסט שוין,
ווינט אַ שפּרעכער אין דעם הייזל.

קומען קינדערלעך מיט ציינדלעך
אויף אַ האָר ווען זיי שוין הענגען,
קוים וואָס האַלטן זיך און שאָקלען
און צום אייוועלע זיי ברענגען.

און זיי שטעלן זיך אַנידער
און די אייגעלעך זיי הייבן,
און די הענטעלעך פאַרלייגן
און זיי זאָגן שטיל מיט גלויבן:

„מייזל-מייזל, גרויסער שפּרעכער...
ציינדל-ביינדל מיר דיר וואַרפן
און מיר בעטן דיך אַן אַנדערס
אונדז אַן אייזערנעם צו שאַרפן,

אונדז אַן אייזערנעם צו געבן: —
מיר דיר — ביין, און דו אונדז — אייזן,
און דערפֿאַר דיין גאַנצן לעבן
נעמען אונטער דיך צו שפּייזן.

יויך מיט זייגערלעך, מיט ווייזערס,
און מיט טעלערלעך פֿון הימל,
און מיט גאַנצע קרענץ פֿון שאָלעכץ,
און מיט קעלער-דומף און שימל.

זעק מיט באָרשט און פּעק מיט שמות,
און פֿון פֿויגל-מילך קאָטלעטן,
און מיט מאַרק-טעג און ירידים
און מיט סקריפּ פֿון טיר און בעטן.

אַלץ, וואָס ס׳מויל נאָר קאָן אויסריידן,
און אַז געלט וועט אונדז נישט בלייבן,
נעמען מיר זיך אַלע פּורים
גיין נדבות פֿאַר דיר קלייבן.

אַלע יאָר און ביז דיין עלטער,
און, אַז ציין וועט דיר ניט סטייען,
זאָגן צו מיר, אַלע קינדער,
דיר דאַן לעמעשקע צו קייען.

מאַרצעפּאַנעס

גערוען אַ טאַטע מיט אַ מאַמע.
דער טאַטע איז דין,
די מאַמע איז גראָב,
און קינדער ווי באָב.

וויל איינס עסן קניידלעך,
אַ צווייטס — היידלעך,
און די אויסטראַכטערקע חנה —
וויל אַ מאַרצעפּאַנע.

ווײַס נישט קיינער וווּ די מאַרצעפּאַנעס ליגן,
ווײַס נישט קיינער וווּ אַ מאַרצעפּאַנע קריגן.

זאָגט דער טאַטע: מאַרצעפּאַנעס וואַקסן אויף אַ בוים,
גלייך אַן עפּל, גלייך אַ באַר און גלייך אַ פלוים.

זאָגט די מאַמע: מאַרצעפּאַנעס קויפט מען אין די קראָמען.
זאָגט אַ שוועסטער: מאַרצעפּאַנעס וואַקסן ווי די שוואָמען,

קומט אַ בריוונטרעגער מיט אַ בריוו:
מאַרצעפּאַנעס ברענגט מען מיט אַ שיף,

פון אַ שטאָט אַזאַ וואָס הייסט האַוואַנע,
וואַקסט דאָרט אויף יעדן בוים אַ מאַרצעפּאַנע.

קומט אַ שוסטער מיט אַ זויל:
— מאַרצעפּאַנעס! — לאַכט ער מיט אַ פולן מויל —

מאַרצעפּאַנעס עסן גרויסע, גרויסע פּריצים.
אונדזער איינער קען צווישן זיי נישט זיצן.

און אַפילו ראָטשילד, וואָס האָט אַ רייכן טאַטן און אַ רייכע מאַמע,

עסט איין מאָל אין אַ יאָר אַ מאַרצעפּאַנע.

מאַרצעפּאַנע הין — האָט מען גערעדט —
און מאַרצעפּאַנע הער,
ערשט ס׳עפנט זיך די טיר,
און ס׳קומט אָן יאָסל בער.

יאָסל-בער — איז פּונקט מן השמים.
ער ווייסט ווו קאָרן וואַקסט, און וואָס איז קלייען,
און ווו די האָזן ווינען,
און וואָס עס עסן בערן,

און ווו די טייכן גייען,
און וואָס די פייגל קלערן.
ער ווייס אַפילו אין אַפריקע אַלע שטעט און לענדער,
ער ווייס, בקיצור, אַלץ און — ענדע.

זיינען אַלע אים באַפאַלן ווי די פליגן,
זאָל ער זאָגן ווו די מאַרצעפּאַנעס ליגן.

און יאָסל בער איז נאָך געווען דערצו אַ לץ.
פינטלט ער צו חנהן מיט די אויגן:

זעט׳ס נאָר, זעט׳ס! אַ מויד אַזאַ, אַ חנה!
וויל דווקא נאָר אַ מאַרצעפּאַנע!
הער זשע, עס איז אַ שטאָט אַזאַ פֿאַראַן —
ליגן מאַרצעפּאַנעס דאָרט אויף גאָלדענע געפּעסן,
נאָר ווי עס הייסט די שטאָט האָב איך פֿאַרגעסן.
לאַכן אַלע פֿון דער אויסטראַכטערקע חנה:
— נאַ דיר גאָר! פֿאַרגלוסט אַ מאַרצעפּאַנע!
און ס׳ווינען דאָרטן ליידיקגייער, שפּאַסער
וואָס טוען ניט אַריין אַ האַנט אין קאַלטן וואַסער.
לאַכן אַלע פֿון דער אויסטראַכטערקע חנה
— נאַ דיר גאָר! פֿאַרגלוסט אַ מאַרצעפּאַנע
און פֿאָרן קען אַהינצו יעדער,
אויף אַ פֿור אָן פֿערד און רעדער.
לאַכן אַלע פֿון דער אויסטראַכטערקע חנה!
— נאַ דיר גאָר! פֿאַרגלוסט אַ מאַרצעפּאַנע.
און פּלוצלונג צעלאַכט זיך יאָסל-בער אַליין
און כאַ-כאַ-כאַ, און כאַ-כאַ-כאַ —
אַ מאַרצעפּאַנע איז אַ קיכעלע אַזאַ,
און מען באַקט עס אין אַן אויוון,
און מען מעג שוין יאָסל בערן זיכער גלייבן.
און אַ מיידעלע אַזאַ ווי חנה
מעג פֿאַרקאַשערן די אַרבל ביז די עלנבויגן
און זיך אַוועקשטעלן ביים מולטער קנעטן
און ס׳וועט שוין עפּעס טויגן.
און טאַקע יאָ, אַזוי איז שוין געווען די מעשה.
ס׳האָט די אויסטראַכטערקע חנה אויסגעבאַקט אַ
מאַרצעפּאַנע
איז איר די גאַנצע שטאָט געווען מקנא.

אַלקע

הינטער וואַרשע, עק אָכאָטע,
אַ הויף מיט בלאָטע.

ווינט דאָרט אָלקע
מיט דער בלויער פּאַראַסאָלקע.

דער טאַטע אַ שמיד,
די מאַמע אַרבעס בריט.

דער דאַך איז איינגעבויגן האַלב,
אונטערן דאַך ווינט אַ שוואַלב.

אין שטוב אַ טיש, און אַ בעט,
און אַ בוידעם מיט גרעט.

און לעפל, און טעלער און טעפּ, און קריג,
און אַ קינד אין וויג.

און דאָס מיידעלע אָלקע
מיט דער בלויער פּאַראַסאָלקע.

אַ מויד פון זעקס יאָר,
מיט גאָלדענע האָר.

איז אין דרויסן העל
און דער זאַמד איז געל,

נעמט אָלקע זאַמד קנעטן,
אַלע חברטעס פאַרבעטן.

רופט די מאַמע די מויד,
אַז עס ציטערט אַ שויב,

און דער טאַטע, דער שמיד,
העלפט מיט:

— גיי אין שטוב!
מען דאַרף דאָס ברודערל וויגן,
וואַשן טעפּ און קריגן.
מען דאַרף וואַסער ברענגען,
מען דאַרף העמדעלעך שווענקען,
מען דאַרף קאַרטאָפל שיילן,
מען דאַרף מעשהלעך דערציילן,

אַ ביסעלע לייענען,
אַ ביסעלע שרייבן —
געדענק, כ׳וועל דיך פון שטוב פאַרטרייבן!

גייט אָלקע וואַסער ברענגען,
העמדלעך שווענקען.

זעט זי:
גענדז גייען.

גייט די גאַנדז גורע,
און די גענדזעלעך אין שורה —
פעדערן ווייסע,

פּים רויטע,
און דער גאָנער, דער שוטה.

עפּנט אָלקע
די בלויע פּאַראַסאָלקע,
האָט זי אַ שטוב און אַ דאַך
און געגנדזעלעך אַ סך.

ווייל אָלקע מיט געגנדזעלעך גייען
ביז די זון וועט פאַרגייען.

רופט די מאַמע די מויד,
אַז עס ציטערט אַ שויב,

און דער טאַטע, דער שמיד;
העלפט מיט:

— גיי אין שטוב!
עס איז אין דער וואָכן,
מען דאַרף קאַשע קאָכן,

מען דאַרף האָלץ שפּאַלטן,
מען דאַרף וויקעלעך בינדן,

אַ ביסעלע לייענען,
אַ ביסעלע שרייבן —
געדענק, כ׳וועל דיך פון שטוב פאַרטרייבן!

גייט אָלקע האָלץ שפּאַלטן,
דאָס קינד האַלטן.

װעט זי:
פֿײגעלעך פֿליִען,
אַ שורה לאַנג, װי אַ באַן,
און איבער זײ אַן עראָפּלאַן.

פֿליגעלעך װײס,
פֿײגעלעך הױך,
און איבער זײ װאָלקנס,
װי בלױער רױך.

עפּנט אָלקע די בלױע פּאַראַסאָלקע
האָט זי אַ שטוב און אַ דאַך
און פֿײגעלעך אַ סך.

װיל אָלקע דאָ שטײן,
ביז די זון װעט פֿאַרגײן.
רופֿט די מאַמע די מױד,
אַז עס ציטערט אַ שױב.

און דער טאַטע, דער שמיד,
העלפֿט מיט:

— גײ אין שטוב!
מען דאַרף זאָקן צירעװען,
מען דאַרף פֿעדעם קירעװען.

מען דאַרף קניפּלעך דרײען,
קנעפּלעך פֿאַרנײען,

אַ ביסעלע לײענען,
אַ ביסעלע שרײַבן —
געדענק, כ'װעל דיך פֿון שטוב פֿאַרטרײַבן!

גייט אָלקע פֿאַדעם דרייען,
קנעפּלעך פֿאַרנייען,
גיבן קנעפּלעך זיך אַ שאָט,
און צעלויפֿן זיך איבער דער שטאָט.

ווערט יעדעס קנעפּל אַ ראָד,
יאָגן זיך די רעדער קאַראַהאָד.

איינס יאָגט זיך איבער דער גאַס,
קייקלט זיך און פֿירט אַ פֿאַס.
צוויי דרייען אַ וועליסאָפּעד,
דריי רעדער פֿירן אַ ברעט,
פֿיר רעדער האָבן זיך צעשלאָגן,
איינגעשפּאַנט זיך אין אַ וואָגן.

עפֿנט אָלקע
די בלויע פּאַראַסאָלקע,
האָט זי אַ שטוב און אַ דאַך
און רעדער אַ סך.

וויל אָלקע דאָ שטיין,
ביז די זון וועט פֿאַרגיין.

רופֿט די מאַמע די מויד,
אַז עס ציטערט אַ שויב,
און דער טאַטע, דער שמיד,
העלפֿט מיט:

נאָר אָלקע וויל נישט הערן, וויל נישט וויסן,
די רעדער רודערן און בויגן זיך צו איר, און גריסן.
נעמט אָלקע אַלע רעדער אין אַ שפּאַן
און מאַכט אַ לאַנגע באַן.

און ס׳פּייפֿט די באַן און אָלקע פֿאָרט אַוועק,
העט ווייט, העט ווייט איבער אַ ווייסן וועג.

אַ מעשה מיט אַ האָן

איינס און איינס איז צוויי,
צוויי און איינס איז דריי, —
האָב איך מיר אַ לידעלע,
לידער-לידער-ליי.

זינג איך מיר דאָס לידעלע,
הייב איך עס מיר אָן:
אויף אַן אַלטן בוידעמל
האָט געוווינט אַ האָן.

בוידעמל אויף שטיבעלע
און שטיבעלע איז קליין,
האָט אַן אַלטע באָבעלע
דאָרט געוווינט אַליין.

איז דער באָבען אומעטיק,
אומעטיק און וויסט,
זוכט זי זיך און דרייט זי זיך,
דרייט זי זיך אומזיסט.

זוכט זי זיך אַן אַרבעט אויס,
אַרבעט זיך שוין שוואַך,
לייגט אַוועק, פֿאַרטראַכט זי זיך,
דערמאָנט זי זיך אַ זאַך:

האָט זי דאָך אַ האָנדעלע,
אויף בוידעמל אַן עוף,
גייט אַרום אין הייזעלע
און דורך טרעפּ אַרויף.

אויף-אַרויף, אויף לייטערל,
קוקט זי זיך דאָרט איין
דורכן קליינעם פענצטערל
שלאָגט דאָרט אָפּ אַ שיין.

שטייט דאָרט אין אַ ווינקעלע
אַ שטייגעלע פאַרמאַכט,
טאָגט און נעכטיקט האָנדעלע
בייטאָג דאָרט און ביינאַכט.

גיט זי דעם און האָרעוועט
פון אַרבל און פון האַנט.
דאָס עופעלע, עס שרעקט זיך ניט:
די באָבעלע באַקאַנט.

עסט זיך עס, און פּיקט זיך עס,
און כאַפּט זיך עס, און שלינגט,
און מיט האָנערש אייגעלע
צו באָבעלע זיך ווינקט:

פּיק און פּיק און, איילנדיק, ז
מיט פּיקערל אין קאָפּ, —
און צופרידן באָבעלע
גייט אין שטוב אַראָפּ·

און אַזוי און אַלע טאָג,
דורך בוידעם און דורך לאָך,
און אַזוי, און זיבן טעג,
און זיבן טעג אין וואָך.

גייט אַראָפּ און גייט אַרויף,
און אַלע טאָג אויף ס'ניי,
די באָבעלע מיט האָנדעלע,
זיי בלייבן זיך געטריי.

איז אַזוי אַוועקגעגאַן
יאָרן, יאָרן לאַנג,
מאַכט זיך אָבער איין מאָל גאָר
די באָבעלע ווערט קראַנק.

ווער-זשע וועט באַדינען איצט
אַז באָבעלע איז שלאַף,
און קיין קרובים האָט זי נישט, —
אויף בוידעמל דאָס עוף?

אַז קיין קרובים האָט זי נישט,
אַז קיינער קומט אַריין,
אויסער נאַכט און פענצטערל,
פאַרטאָג אַ בלויע שיין?

ליגט אַזוי די באָבעלע
אין שלאַפקייט און אין בעט,
אַ גאַנצן טאָג צו זיך אַליין,
צו זיך אַליין און רעדט:

„וואָס באַדאַרף זי קרובים גאָר,
„אַז איזן איז זי קראַנק,
„וואָס באַדאַרף אינגאַנצן גאָר,
„אַז ציען וועט ניט לאַנג?

„אָבער עוף אויף בוידעמל —
„עס לויפט זיך איצטער אום
„און שטעקט אַרויס דאָס קעפּעלע
„פון שטייגל אין דער קרום,

„עס קוקט אַרויף אויף לייטערל,
„אויף באָבעלע און וואַרט,
„ס'דאַכט דעם טריט אויף טרעפּעלעך
„פון באָבעלע דעם דאַכט.

„ווער־זשע וועט באַזאָרגן עס,
„דאָס האָנדעלע, דאָס עוף,
„אַז די באָבע שלאָפן וועט
„מיט אייביקן שוין שלאָף?..."

אָט אַזוי די באָבעלע
געלעגן איז אין בעט
אַ טאָג און צוויי, דעם דריטן טאָג,
און אַלץ צו זיך גערעדט.

איז אַוועק דער דריטער טאָג,
געקומען — אויפדערנאַכט,
האָט די טיר פּאַמעלעך זיך
אין שטיבל אויפגעמאַכט.

איז אַריין דאָס האָנדעלע,
דאָס האָנדעלע צו איר,
און נאָך זיך אַן אָפּענע
געלאָזן האָט זי די טיר.

איז אַריין אַ שטילער מאַן,
אַליין און שטילערהייט,
איז צו באָבע צוגעגאַן
און פליגל אויסגעשפּרייט.

איז געשטאַנען לאַנג אַזוי
ביי באָבע און ביי בעט,
און געשוויגן לענגער נאָך,
און גאָרניט נישט גערעדט.

ביז געקומען האַלבע נאַכט,
געטאָן זיך האָט אַ דריי,
און צו האָן אַ ווונק געטאָן,
און האָנדעלע — אַ קריי.

האָט געקרייט דאָס האָנדעלע,
זיך אָנגעגאָסן רויט,
איז אויף בעט דאַן שטיל געווען —
די באָבעלע שוין טויט.

איז פון דאַן און אַלע נאַכט,
און וויסיק זאָל עס זיין,
אַז האָנדעלעך זיי טוען דאַן
נשמות מזכיר — זיין.

דער פרעמדער

קאַלט און פינצטער איז די נאַכט,
טיר און טויער צוגעמאַכט.
פענצטער בלינדע אָן אַ שיין
שטאַרן אין דער נאַכט אַריין.

קאַלט און פינצטער, קאַלט און שפּעט,
שלאָפט זיך יעדער אין זיין בעט.
שלאָפן שלאָפט נאָר ניט דער ווינט
און די בילנדיקע הינט.

אויך דער פרעמדער שלאָפט נאָך ניט, —
און מיט וואַקלענדיקע טריט
און אין שמאַטעס, שטיק אויף שטיק
און פאַרגאַרטלט מיט אַ שטריק.
מיט אַ טאָרבע אויף די הענט —
שאַרט ער האַרט זיך ביי די ווענט.

זעט ער ווייט אַ פּאַלאַץ שטיין ,
לאָזט ער זיך צום פּאַלאַץ גיין.
ביז עס קרייט דער ערשטער האָן,
קלאַפּט ער אין דעם פּאַלאַץ אָן:

סטוק! סטוק! סטוק! — ווער קלאַפּט אין טיר?
טוק! טוק! טוק! —
— גוטע מענטשן, עפֿנט מיר!
איך בין עלנט אויף דער וועלט,
מיד פֿון הונגער און פֿון קעלט...

סטוק! סטוק! — פֿרעמדער, גיי אַוועק.
טוק! טוק! טוק! —
אונדזער קליינעם קינד ניט וועק.
זאַט און וואַרעם און ליו-ליו —
שלאָפֿט זיך אונדזער קינד אין רו...

בייגט דער פֿרעמדער איין דעם קאָפּ,
קערט זיך פֿון דעם פּאַלאַץ אָפּ.
זעט ער ווייט אַ שטיבל שטיין,
לאָזט ער זיך צום שטיבל גיין.
ביז עס קרייט דער ערשטער האָן,
קלאַפּט ער אין דעם שטיבל אָן:

סטוק! סטוק! סטוק! — ווער קלאַפּט אין טיר?
טוק! טוק! טוק! —
— גוטע מענטשן, עפֿנט מיר!
איך בין עלנט אויף דער וועלט,
מיד פֿון הונגער און פֿון קעלט...

און דער פֿרעמדער וואַרט ניט פֿיל,
עמיץ שאַרט זיך אין דער שטיל
ביי דער טיר און ביי דעם שלאָס.
קומט אַרויס דער באַלעבאָס:

— פרעמדער, פרעמדער, קום אַריין,
וועסט מיין גוטער אורח זיין.

און דער פרעמדער בייגט זיך איין,
קריכט אין שטיבל קוים אַריין.
קומט אַריין און אָטעמט שווער,
קוקט אַהין און קוקט אַהער,

און ער זאָגט אַרויסעט גלייך:
— נו, אַ פינצטערניש ביי אייך!

ענטפערט אים דער באַלעבאָס:
— קויפן נאַפט נישטאָ פאַר וואָס.

— וו-וו-ווו, איז ביי אייך דאָ קאַלט,
— ממש ווי אין מיטן וואַלד.
ענטפערט אים דער באַלעבאָס:
— קויפן האָלץ נישטאָ פאַר וואָס.

— הייסט עס, ס׳איז ניט פריילעך דאָ,
און קיין ברויט איז אויך נישטאָ?

ענטפערט אים דער באַלעבאָס:
— קויפן ברויט נישטאָ פאַר וואָס.
אָך און וויי צו מיינע זינד,
אַז מיין הונגעריק קינד
האָט געוויינט פאַרשמאַכטערהייט:
טאַטע, גיב אַ שטיקל ברויט!
און אָן כוחות ליגט עס שטיל
איצטער אויפן האַרטן דיל...

קראַצט דער פּרעמדער זיך אין קאָפּ,
לאָזט זיך אויפן דיל אַראָפּ,
שפּרייט זיין אַלטע טאָרבע אויס
און ער זאָגט אַזוי אַרויס:

— אַז ס'איז פינצטער דאָ און קאַלט,
ממש ווי אין מיטן וואַלד.
אַז קיין ברויט איז אויך נישטאָ,
לייג איך זיך מיר אָט־אָ־דאָ...

איז ווי נאָר ער זאָגט אַזוי,
טוט דער ערשטער האָן אַ קריי.

ווי עס קרייט אַזוי דער האָן,
צינדט דער לאָמפּ אַליין זיך אָן,
און דער אויוון גוט און פיין
צינדט מיט האָלץ אַליין זיך איין.

און עס ווערט אַליין דער טיש
פול מיט טעלער, פלייש און פיש
און מיט חלות און מיט ברויט,
ווי אויף יום־טוב צוגעגרייט.

און דער פרעמדער — אָט געוועז,
אָט געוועזן און אָט געזעז —
פּלוצלונג טוט אַ זאָג און לאַכט:
— באַלעבאָס, אַ גוטע נאַכט!
און ער פליט, ווי ער איז גרויס,
דורך אַ שפּאַלט פון טיר אַרויס.

— אוי! אוי! ניסים, אָדער וואָס? —
טראַכט ביי זיך דער באַלעבאָס.
נאָר ער זעט: דער אויוון ברענט,
און דער טיש אַ פולער שטייט
מיט מאַכלים צוגעגרייט.
טראַכט דער באַלעבאָס ניט פיל,
הייבט ער אויף דאָס קינד פון ד׳יל.
וואַשן זיי זיך, עסן פרום,
זעצן זיך ביים טיש אַרום.

עסן זיי און לויבן גאָט
פאַר זיין חסד און גענאָד.
און אין דרויסן פייפט דער ווינט,
און אין פּאַלאַץ וויינט דאָס קינד.

לויפט מען איבערן פּאַלאַץ אום
און מען זוכט אַ לאָמפּ אַרום.
זוכט מען דאָרט און זוכט מען דאָ,
און קיין לאָמפּ איז אַלץ נישטאָ.

און אַלץ שטאַרקער וויינט דאָס קינד,
און עס בילן בייז די הינט.
און אין דרויסן פייפט דער ווינט.

שאַרט ער האַרט זיך ביי די ווענט
שאַרט ער זיך אַזוי אַוועק
אין דער נאַכט אין וויטן וועג.
און אין דרויסן פייפט דער ווינט,

נאָר דעם פרעמדן אַרט עס ניט,
מיט אַ טאָרבע אויף די הענט —
און מיט וואַקלענדיקע טריט,

אַ האָן און אַ הון

די

מעשה הייבט זיך אָן. און געשען איז די מעשה אין דער שטאָט קיניגבאַרג. געווען אַמאָל אַזאַ שטאָט ביי יידן. אין שטאָט קיניגבאַרג איז געווען אַזאַ איינפיר: צו אַ חתונה פלעגט מען טראָגן אַנטקעגן דעם חתן אַ האָן און אַנטקעגן דער כלה אַ הון. און געווען איז דער האָן אין קיניגבאַרג אַזוי חשוב, ווייל די קיניגבאַרגער זיינען אַלע געווען גוטע, פרומע און פלייסיקע לייט, און דער האָן פלעגט זיי אַלע פאַרטאָג צו תורה און אַרבעט וועקן.

מאַכט זיך איין מאָל — אַ האָן מיט אַ הון זיינען חתן-כלה געוואָרן, חתונה-צייט האָבן די קיניגבאַרגער זיי אויף די הענט צו דער חופה געטראָגן, הבדלות*) האָבן גע-לויכטן, קלעזמער — געשפּילט, פידלען און צימבלען און קעסלפּויקן און טאַצן, און אונטער דער אייגענער חופה

*) הבדלות — גרויסע, געפלאָכטענע וועקסענע ליכט וואָס מען פלעגט אָנצינדן נאָר שבתצונאַכט ווען מען מאַכט הבדלה.

האָבן די קיניגבאַרגער זייער אייגענע קינדער אויסגעגעבן און זיי געבענטשט און געווונטשן: „איר זאָלט אַזוי ווערט זיין ביי זיין ליבן נאָמען און איר זאָלט זיך לעבן ווי אַ האָן מיט אַ הון, אמן!"

און אַזוי איז דאָרטן געווען, ביז די מעשה איז געשען.

ב

איין מאָל איז אין קיניגבאַרג אַ שמחה געווען:

אַ פּויק, אַ טרומייט,
עס לויפט קינד-און-קייט.
און צימבל און פלייט,
און פידל און באַס —
עס הילכט די גאַס!
און לעקעך אַ קופּע,
און קוילעטש מיט מאָן,
מען פירט צו דער חופּה
אַ הון מיט אַ האָן!

און אין מיטן דערינען — אַן אומגליק: אַ פאָלק סאָל-דאַטן גייט! קלעזמער פאַרויס און שפּילן, און סאָלדאַטן שפּאַנען און זינגען:

שורא, מורא — הורא!
הויכע מענער זיינען מיר,
רויטע קליידער טראָגן מיר,
מיט די אויגן ברענען מיר,
מיט די שפּיזן שלאָגן מיר!
פון די שוואַכע לאַכן מיר,

פון די שטאַרקע מאַכן מיר
שורא, מורא — הורא,
שורא, מורא — הורראָ!!...

„הערט אויף צו רימפּלען!", האָט אַ סאַלדאַט פּלוצים אַ מעריקע געטון אויף די חתונה־קלעזמער, „דורך אייער געזעמל הערט מען ניט אונדזער געפּילדער. הערט אויף, זאָגט מען אייך!"

„הערט איר אויף!", האָבן די מחותנים געטענהט, „ביי אונדז איז אַ חתונה! ווי קען דאָס זיין אַ חתונה אָן קלעזמער? איר ווילט אונדז די חתונה פאַרשטערן?"

„אוודאי ווילן מיר!, האָבן די סאָלדאַטן געשריגן, „אויף דעם זיינען מיר דאָך סאָלדאַטן, חתונות צו פאַרשטערן! גיט אַהער די חתן־כלה! ווו זיינען חתן־כלה? מיר זיינען הונגעריק אויף טויט: וועלן מיר דעם חתן עסן מיט ברויט, די כלה מיט חלה!"

און די סאָלדאַטן האָבן זיך אַ וואָרף געטון אויף די מחותנים מיט די בלויזע שווערדן און אויסגעכאַפּט די חתן־כלה.

אויסגעכאַפּט די חתן־כלה,
דאָס ביי זיי אַזאַ נאַטור,
וואָלט געווען אוודאי ביטער,
ווען ניטאָ דאָרט בור־דור־מור.
„ווער איז דאָס אַזוינס בור־דור־מור?"

„הער, וועסטו וויסן! — געווען אין קיניגבאַרג אַ ריז, געשפּרונגען איז ער אויף אַ מייל, געשלאָגן אויף צוויי און געהייסן האָט ער בור־דור־מור. האָט ער אַ ברום גע-

טון ווי אַ בער: ב ו ר ר ר ! זיינען אַלע סאָלדאַטן געפאַ-
לן מיטן פּנים צו דר'ערד און די ציין זיך אויסגעשלאָגן; האָט
ער אַ גאָגער געטאָן ווי אַ אינדיק: א ל ד ו ר ר ר ר ! האָבן
זיי געטאָן ווידער אַ שפּרונג אויף און געבליבן שטיין פאַר-
הילצערט ווי די דעמבעס; האָט ער אַ מורקע געטאָן ווי
אַ קאַץ: מ ו ר ר ר ! האָבן זיי געשטעקט די פינגער
אין די אויערן, אַנטלאָפן, און די פּיס פאַרלוירן.

און די קלעזמער האָבן אַ זעץ געטאָן אַ פריילעכס און
געפירט די חתן-כלה צו דער חופּה.

מזל-טוב, מזל-טוב!

דער סמבטיון-פליער

די

באָבע איז געזעסן און האָט געשטריקט אַ זאָק, די קינדער זיינען געזעסן לעבן איר און די באָבע האָט דערציילט:

— ווייט ווייט, ווו די וועלט האָט נאָר אן עק, הינטער אַלע ימים, דאָרטן ווו די זון שיינט קיין מאָל ניט, דאָרטן זיינען פאַראַן די פינצטערע בערג, די הרי חושך. הויך זיינען זיי, די וואָלקנס שלאָפן ביינאַכט אין זייערע שפּאַלטן און היטלען טראָגן זיי, די פינצטערע בערג. דווקא ליכטיקע, ווייסע, פון שניי. און פינצטער חושך איז אין די הרי חושך, און קיינער קען זיי נישט דורכגיין, און קיינער האָט נישט געזען וואָס דאָרטן טוט זיך. און הינטער די הרי חושך איז פאַראַן דער טייך סמבטיון. האָט נאָך קיינער נישט געזען און קיינער האָט נישט געהערט וועגן אַ צווייטן טייך אַזאַ.

אין יענעם טייך סמבטיון שטראָמען צוזאַמען וואַסער מיט פייער, און דאָס וואַסער האַלט אין זידן, און שטיי-

נער הייסע פליען פון טייכס גרונט אין דער הייך. דער סמבטיון שליידערט זיי הויך-הויך אין די כמארעס אריין און די כמארעס שליידערן זיי צוריק אין סמבטיון אריין. און עס קאָכט, און עס רוישט, און עס קלאַפּט אזוי זעקס טעג אין וואָך, זעקס טעג און זעקס נעכט, פון שבתצו-נאכט ביז פרייטיק פאר נאכט, ווען מען בענטשט ליכט און מען מאכט שוין שבת. דעמאָלט ווערט דער סמבט-יון שטיל, רויק — אַ טייך ווי אלע טייכן.

אזוי רוט דער סמבטיון אַ גאנצן שבת ביז ביינאכט, און ווי נאָר דער שבת גייט אוועק, יידן זאָגן גוט וואָך, אַזוי הייבט אָן דער סמבטיון ווידער צו קאָכן און ווידער צו רוישן און מען קען אים נישט אריבערגיין.

אָבער ווען עמיצער וואָלט נאָר אריבער דעם סמבט-יון וואָלט ער געווען גליקלעך:

ער וואָלט געקומען אין לאנד פון די רויטע יידעלעך. אָט וואָלט אים גוט געווען!

— באָבע, — קען זיך איין קינד נישט איינהאלטן, — און פארוואָס איז דאָרטן ביי די רויטע יידעלעך אזוי גוט?

— טאַ ווארט, וועסטו באלד וויסן, — זאָגט די באָבע.

ביי די רויטע יידעלעך שיינט די זון אלע טאָג, און ביינאכט ווען אלע שלאָפן — דעמאָלט רעגנט עס, און די בערג זיינען דאָרטן פון גאָלד, די טייכן — פון סאַמע קוועקזילבער, די הינט בייסן דאָרטן נישט, און די וועלף רייסן נישט, און אַ וואָלף מיט אַ שעפּסעלע ווינען צוזא-

מען, און א לעמפּערט ליגט צוזאמען מיט א ציגעלע, און אַ לייב מיט אַ רינד, און אַ שלאַנג מיט אַ קינד שפּילן זיך כסדר — נישטאָ קיין שלעכטס ביי די רויטע יידעלעך.

און זיי זיינען זייער גרויסע, די רויטע יידעלעך — הויכע מענער זיינען זיי, די וואָלקנס ליגן זיי אויף די אַקסלען, אונדזערע אַ פּאָר מענטשן קענען ביי זיי אויף דער האַנט ארומגיין שפּאַצירן, און אַז אַ רויטער יידעלע זאָל א הוסט טאָן וואָלט א דיוויזיע דייטשן זיך צעבלאָזן ווי די פעדערן. עס איז אָבער נישטאָ קיינער וואָס זאָל אונדז קענען פירן צו זיי אָדער ער זאָל קענען ברענגען די רויטע יידעלעך אהער צו אונדז...

אָט אזוי דערציילט די באָבע און זי טוט א קרעכץ. האָט זי דערווייל א קוק געטאָן און באמערקט אז יאָסע־לע דער שטיפער שלאָפט שוין אזוי זיצנדיק. האָט די באָבע דעם זאָק וואָס זי שטריקט אַוועקגעלייגט, די מעשה וואָס זי האָט דערציילט איבערגעריסן און יאָסעלען אין בעטעלע אריינגעלייגט, אלע אנדערע קינדער שלאָפן געשיקט.

— א גוטע נאכט, שלאָפט געזונטערהייט.

ב

די קינדער זיינען אָבער ביינאכט נישט געשלאָפן רויק: יאָסעלע האָט די גאנצע שטוב אויפגעוועקט פון שלאָף מיט זיינע געשרייען.

— יאָסעלע, וואָס איז דיר? — זיינען טאַטע מאַמע דערשראָקן צוגעלאָפן צו אים, — וואָס איז דיר געשען?

יאָסעלע האָט גענומען רייבן די אויגן, ער האָט זיך ארומגעקוקט און אָנגעהויבן צו וויינען: — פאַרוואָס האָט זיך געענדיקט דער חלום! אזא שיינער חלום געווען!

ג

ביינאכט האָט זיך יאָסעלען געחלומט, אז ער איז שוין אויסגעוואַקסן א גרויסער און ער לאָזט זיך צו די רויטע יידעלעך וואָס הינטער די הרי חושך, הינטער דעם טייך סמבטיון. ער פאָרט אָבער נישט, ער פליט. זיכער — מען קען אין די פינצטערע בערג פאַרבלאָנדזשען, דער סמבטיון לאָזט נישט אריבער, אָבער ער פליט מיט אן אַעראָפּלאַן, אין דער לופטן איבער די בערג. און אָט איז ער שוין געקומען. די רויטע יידעלעך האָבן אים דערזען און זיך דערפרייט: א גאַסט אזא, פון די ווייטע מקומות! האָבן זיי אים טייער געהאַלטן, געגעבן אים עסן און טרינ-קען, און אים אין זייערע גרויסע קעשענעס ארומגע-טראָגן.

און זיי האָבן אים אַלץ געוויזן. און וואָס יאָסעלע האָט געזען האָבן מיר דאָס נישט געזען אין גאַנצן לעבן: ער האָט געזען בערג פון גאָלד און פון קופּער און פון זיל-בער, טייכן האָט ער געזען פון מילך און פון האָניק און אויף ביימער זיינען געוואַקסן ברויט און חלות. און ניש-טאָ דאָרטן קיין אָרעם און רייך — אַלע זיינען גלייך.

און יאָסעלע האָט זיי דערציילט ווי יידן לעבן אין די לענדער. און אַז די רויטע יידעלעך האָבן געהערט פון יידישע צרות דאָ, האָבן זיי געוויינט מיט ביטערע טרערן. און די טרערן זיינען אַזוינע גרויסע געווען אַז יאָסעלע האָט זיך אין די טרערן געקאָנט באָדן. און די רויטע יידעלעך האָבן געמאכט אַן אסיפה:

זיי האָבן פאַרזאַמלט אַלע זייערע מענטשן און מען האָט גענומען טראַכטן ווי צו העלפן די אַנדערע יידן. האָט מען געטראַכט און געטראַכט זיבן טעג און זיבן נעכט אַלץ געטראַכט און נאָך די זיבן טעג און די זיבן נעכט האָט מען זיך דערטראַכט, אַז די רויטע יידעלעך וועלן שיקן זייערע מענטשן צו אונדז צו הילף. א מנין — צען רויטע יידעלעך דאַרף מען שיקן אין אונדזערע לענדער, וועלן אַלע פאַר זיי מורא האָבן און מען וועט שוין מער נישט טאָן יידן קיין בייז און אַלע וועלן שוין ווערן גוט און פרום.

האָט מען אין לאַנד פון די רויטע יידעלעך שופר געבלאָזן און מען האָט אויסגערופן הויך אַז אַלע זאָלן וויסן:

— ווער עס וויל זיך לאָזן פליען מיט יאָסעלען צו די אַנדערע יידן זיי צו ראַטעווען פון זייערע צרות!

און ווי דער קלאַנג איז פאַרשפּרייט געוואָרן איבערן לאַנד האָבן זיך אַ סך רויטע יידעלעך געמאָלדן: זיי ווילן פליען מיט יאָסעלען ראַטעווען די יידן.

האָט מען דאָרטן געדאַרפט וואַרפן גורל ווער עס זאָל פאָרן. און אָט האָט מען שוין אָפּגעקליבן דעם מנין רויטע יידעלעך. און זיי זיינען שוין גליקלעך: זיי וועלן

ראטעווען די יידן פון צרות! און דער עלטסטער פון די רויטע יידעלעך, אַן אַלטער מאַן מיט אַ גרוי-ווייסער באָרד איז געקומען און האָט דעם מנין געבענטשט און זיי געווונטשן זיי זאָלן וואָס גיכער אָפּטאָן וואָס זיי דאַרפֿן און קומען אהיים גליקלעכע. און זיי האָבן זיך אריינגע-זעצט אין עראָפּלאַן און זיי פֿליען הויך און העכער, גלייך צו אונדז, און יאָסעלע האָט אויפגעהויבן דעם אַעראָפּלאַן אַלץ העכער, העכער, די שטיינער פון סמ בטיון זאָלן אים נישט דערגרייכן, און ער איז צופרידן וואָס ער פירט אַ הילף פאַר יידן — האָט ער זיך אַ ביסל פאַרטראַכט, נישט באַמערקט אין דער פינצטער פון די הרי חושך אַ שפּיץ, זיין עראָפּלאַן האָט זיך אָפּגעקלאַפּט און

... יאָסעלע האָט גענומען וויינען און שרייען פון שלאָף.

שפּעטער, אויף מאָרגן ווען אַלע האָבן פון יאָסעלעס חלום געוווסט האָט די מאַמע אים אַ קוש געטאָן, דער טאַטע האָט מיט אַ שמייכל אים איבערן קאָפּ געגלעט, און די חברים האָבן אים אַ נאָמען געגעבן „יאָסל דער סמבטיון-פליער"

ל״ג בעומר

ל״ג

בעומר״ איז אַ לשון-קודש-וואָרט. ניין, ניט איינס, ניט צוויי — טאַקע גאַנצע דריי, דריי ווערטער: לאַמעד — דרייסיק, גימל — דריי, בעומר — אין סנאָפּיקל.

וואָס-זשע מיינט דאָס?

איר מעגט עס הערן:

אַמאָל איז געווען אַ גרויסער צדיק. בר יוחאי האָט ער געהייסן. זיין וואָרט ווי פֿרישער רעגן אויף טרוקן גראָז. זיין קול ווי דער דונער. זיין בליק ווי דער בליץ.

צו וואָס איז בר יוחאי געגליכן געווען? צו אַ כמארע: אַ כמארע מיט רעגן, מיט דונערן און בליצן אָנגעלאָדן. און דער רעגנבויגן אין דער כמארע קיינמאָל ניט באַוויזן זיך. אַ שטרענגער אַזאַ ער געווען, בר יוחאי, אַ קפּדן. אויף די זינדיקע טויטשרעק ער אָנגעוואָרפן. קומט אים אַ רשע פֿאַר די אויגן, טוט ער, בר יוחאי, אַ קוק אויף אים — אַ הויפֿן ביינער ווערט פֿון אים!

און פֿון אַלע עקן לאַנד תּלמידים אין די הונדערטער,

די טויזנטער צו בר יוחאי זיך געצויגן, אונטערן רעגן זיי־נעם, קרעפּטיקן, מחיהדיקן, ווילן זיי ווי יונגע ביימעלעך אין פרילינגצייט זיך צעבליִען און צעוואַקסן.

און אָפּגעבריטע פון זיין בליק, צעטומלטע פון זיין בליץ, מחנותווייז, ווי טייבעלעך צעשראָקענע, זיי צע־פלויגן זיך, אַהין־אַהער צעזייט זיך און צעשפּרייט זיך:

„ניט ווער עס וויל, קומט צום לייב, פאַרנעמט זיין בריל!״

בר יוחאי טיף אין יעדנס האַרץ אריינגעקוקט. יעדן דורך און דורך דורכגענומען מיטן קוק. און ווי צו דיר, ווי, אויב דיין האַרץ ניט ווי דיין מויל; אויב אין מויל אַ מלאך און אין האַרץ אַ גלח! האָסטן אויף דיין האַרץ אַ פלעק, אַ שפּרענקעלע — טראָג זיך אָפּ! אַנטלויף אויב דאָס לעבן דיר ליב; ווער מעג קומען צו בר יוחאי זיך לערנען גיין אין זיינע וועגן? דער, וואָס קען אויפן באַרג סיני גיין, פונעם דונער תורה הערן.

און ווער קען אויפן באַרג סיני גיין?
ווער זיין מויל צו בייזן ניט געבראַכט,
זיין האַרץ קיין פאַלשקייט ניט געטראַכט,
ניט געשפּעט און ניט געלאַכט,
קלוג ווי דער טאָג און שטיל ווי די נאַכט.

און אַזוינע אין גאַר דעם לאַנד זיך אָנגעקליבן קוים פינף און דרייסיק. פינף און דרייסיק איינס אין איינס! אַלע — זויבערע, באַשמעקטע ווי די זאַנגען אויפן פרישן פעלד, וואָס דעם הימל דאָס געבענטשט.

און די פינף און דרייסיק, אַלע — איין האַרץ, איין נשמה. אַלע אין איינעם ביי איין טיש געלערנט, ביי איין טיש געגעסן, אונטער איין דאַך געשלאָפן; אונטער איין דאַך, אויף דער ערד, מיט אַ פּויסט צוקאָפּנס, אין די קליידער געשלאָפן. געלעבט אין נויט, געגעסן זאַלץ מיט ברויט און תורה געלערנט. און אַלץ אין איינעם.

„דאָס סנאָפּיקל" האָט מען זיי גערופן. פינף און דרייסיק אין סנאָפּיקל געווען. און בר יוחאי — דער גאַרטל, וואָס דאָס סנאָפּיקל נעמט ער אַרום. ער מיטן סנאָפּיקל — זעקס און דרייסיק: לאַמעד-וואָוו הייסט דאָס אויף לשון-קודש. ווו אַ צדיק פון צדיקים-לאַנד, הייסט ער דערפאַר לאַמעד-וואָווניק.

ב

מאַכט זיך אַמאָל, צוויי פון די לאַמעד-וואָוו, אַנע און באַנע, חתונה האָבן גרייטן זיך. און קיין חתונה-קליידער ניטאָ. גייען זיי אום אומעטיק-פאַרזאָרגט אַ טאָג און צוויי, ביז דערפון דערוויסן זיך אַזאַי און פּאַזאַי, זייערע חברים. וואָס-זשע טוען זיי? גייען אַרויס און פאַרשטעלן זיך פאַר נבלה-שינדער (אַ מיאוסע מלאכה, נאָר מיט ברכה!) אַ וואָך דורכאַנאַנד נבלות אין די גאַסן געשונדן און דערנאָך פאַרן גאַנצן פאַרדינסט זיידענע מלבושים געקויפט. מיט רויזנזאַפט זיי באַשפּריצט, מיט נעגעלעך און געווירצן אָנגעדופט און אַנען און באַנען אַוועקגעגעבן — חתונה-געשענק.

אָפּגעטאַנצט די חתונה זאָגט אַזאַי צו פּאַזאַי:

„ברודער פּאַזאַי, אין דער הייליקער תורה שטייט:
„אַ טייך גייט אַרויס פון עדן און טרינקט אָן דאָס לאַנד חווילה, וואָס דאָרטן איז דאָס גאָלד. איז ווייסטו וואָס? לאָמיר קיין חווילה זיך אַוועקלאָזן, אוצרות אָנזאַמלען, אויף די קעמלעך אָנלאָדן, אַהיים ברענגען, צווישן אַלע אָרעמע פון שטאָט צעטיילן. וועלן אַלע אָרעמע געהאָלפן ווערן און מיר מיט זיי."

זאָרג און באָרג שוין ניט קיין שטער,
זיץ און לערן מיט באַגער!
„גוט", ענטפערט פּאַזאַי, „אַזוי בלייבט עס!"

אויף מאָרגן קאַיאָר, דער האָן נאָר אַ קריי געטאָן, ביידע חברים די טאָרבעלעך אויף די פּלייצעס און — קיין חווילה! גאָלד זוכן גייען זיי.

און אַז צוויי אַוועק, וויפל אין סנאָפּיקל געבליבן? דריי און דרייסיק — ל"ג בעומר.

זאָגן די דריי און דרייסיק: „וואָלטן מיר אויך אַזוי ווי אזאי און פאזאי געטאָן, וואָלט שוין גאָר גוט געווען; אזאי און פּאַזאַי גאָלד פאַר גאָר דער שטאָט, מיר מיט זיי — פאַר גאָר דעם לאַנד!"

הערט דאָס בר יוחאי, כמורעט ער זיך אָן — פאַרציטערט ווערט דאָס סנאָפּיקל.

און בייזע, געדיכטע ברעמען האָט ער, בר יוחאי, געהאַט. איבער די אויגן זיינע די ברענענדיקע זיינען זיי געפאַלן. מיט געפּעלעך צוויי פלעגט ער זיי אויפהייבן. הייבט ער די ברעמען אויף און ער דונערט: „גאָלד גאָר? גאָלד?

איז וואָס-זשע קיין חווילה? אַזוי ווייט? ... מיט מיר קומט! איך אייך ווייזן גאָלד! ריין גאָלד, גינגאָלד! אמתן „זהב טהור!"

און בר יוחאי זיינע תלמידים פון שטאָט אַרויסגעפירט, צו אַ טאָל אין פרייען פעלד געבראַכט. צו אַ טאָל גע-בראַכט און אַזוי אַ זאָג געטאָן:

טאָל, טאָל, גרינער טאָל!
זאָל זיך גיסן,
זאָל פליסן,
גאָלד און גינגאָלד אָן אַ צאָל

באַלד דערויף אַ ווינטעלע אַ בלאָז, איבער גראָז און זאַנגען זיך אַ טראָג און גאָלד און גינגאָלד זיך גענומען גיסן, איבערגיסן. קעגן דער זון דער ליכטיקער העליש גאָלד געפלאָסן ווי די כוואַליעס פון חדקל, וואָס דאָס לאַנד חווי-לה ער נעמט אַרום. „אָט גאָלד! אמת גאָלד! גאָלד פון מזל-ברכה! און יענץ גאָלד, וואָס יענע זוכן דאָרט — טויט און קללה!" אַזוי בר יוחאי צו זיינע תלמידים די דריי און דרייסיק געזאָגט.

זיינען שוין די דריי און דרייסיק קיין חווילה ניט גע-גאַנגען. אין דער היים ביי היימישע פעלדער און טאָלן גע-בליבן, פעלד געאַקערט, תורה געלערנט, ספרים געשרי-בן. און אַזוי און פאַזאַי? זיי וואָגלען, זיי וואַנדערן פון שטאָט צו שטאָט, פון איין לאַנד אין אַנדערן.

פאָרן, פאָרן
אויף אַ קעמל, אויף אַ שיפל
טעג און יאָרן

און חדשים ווייס איך וויפל.

הכלל: געפאָרן קיין חווילה, געקומען פון חווילה און ניט מיטן בייטשל חלילה. צוועלף קעמלען פירן זיי; צוועלף קעמלען שווער באַלאָדענע, גינגאָלד אָנגעלאָדענע; גינגאָלד פון חווילה. ניט קיין שפּאַס, ניט קיין ווערטעלע צו זאָגן! איז דאָך אָבער אַן אומגליק באַשערט, הערט--זשע וואָס עס טרעפט זיך.

ג

אויפן וועג אַהיים, שוין ניט ווייט פון זייער געבורטשטאָט, ביינאַכט דורכן ווילדן וואַלד אַזאי און פּאַזאַי מיט די קעמלען געצויגן.

אין יענעם וואַלד, צו יענער צייט, דער גזלן בר תמליון מיט זיין באַנדע זיך אויפגעהאַלטן.

אויף אים האָט מען געזאָגט: ער איז אַמאָל איבערן שפּיץ מויער אַרום דער שטאָט מחוזה געלאָפן, אַ רייטער אויף אַ פערד אים אונטן נאָכגעיאָגט און ניט דעריאָגט.

און נאָך האָט מען דערציילט: אויף צוויי בריקן איבערן טייך רוויגנאַז צוויי מוילאייזלען געשטאַנען, און בר תמליון פון איין אייזל צום אַנדערן געשפּרונגען, האַלטנדיק צוויי כוסות אין די הענט, פון איין כוס אין אַנדערן געגאָסן און קיין טראָפּן ניט פאַרגאָסן. און מיינט איר אפשר, אַ שטילער דרויסן דעמאָלט געווען? האָט איר אַ טעות. אין יענעם טאָג אַ שטורעמווינט דעכער געריסן, אין הימל געשמיסן!

ציִען זיי, אַזאַ און פֿאַזאַ, מיט זייערע קעמלען דורכן ווילדן וואַלד און זעכציק גבורים מיט שווערדן בלויזע אַרום די קעמלען די אוצרות באַוואַכן. מיט אַ מאָל — גזל־נים! אַ געיעג, אַ געשלעג, די גיבורים האַקן, בראָקן — די גזלנים ניט דערשראָקן. די מלאכה קענען זיי אויך: אַ שפּאַלטן אַ קאָפּ, אַ שניידן אַ בויך. קורץ, די גיבורים, כאַפּן די פּיס אויף די פּלייצעס און ווי אַזוי, וווהין, ווער עס קען. און די גזלנים אַזאַ און פֿאַזאַ געכאַפּט, נאַקעט און באָרוועס זיי אויסגעטון, מיט רימענס מיט פֿעסטע, מיט שטאַרקע פֿאַר די הענט און פֿאַר די פּיס צו צוויי דעמבעס זיי צוגעבונדן, און די מײַלער זיי מיט קליאַטשע פֿאַר־שטאָפּט — שרייען זאָלן זיי ניט קענען.

„דאָס אײַך דערפֿאַר, ווײַל קעגן דער מחנה פֿון בר תּמליון איר געשטעלט זיך! אַ גליק וועט איר האָבן — די וועלף אײַך אויפֿעסן, אַניט — פֿאַר הונגער וועט איר שטאַרבן!" געזאָגט די גזלנים און די צוועלף קעמלען גאָלד אָנגעלאָדענע אין דער נאַכט אַריין, דער פֿינצטערער, אַוועקגעפֿירט.

ד

אין יענער נאַכט איז פֿאַרוואָגלט געוואָרן דער שלאָף פֿון „ל"ג בעומר"; די דרײַ און דרײַסיק, וואָס אין סנאָפּיקל געבליבן, שלאָפֿן ניט געקענט. ס'הייסט — שלאָפֿן זײַנען זיי דווקא יאָ געשלאָפֿן. נאָך ווי אַזוי! טיפֿער ווי תּמיד. נאָר וואָס דען? זיי געשלאָפֿן, און די הערצער אויף וואַכנדיק. מיט אַ מאָל איינער זיך אַ הייב אויף. „איך גיי!"

זאָגט ער, „מען רופֿט!״ און נאָך אים אַלע איינער נאָכן אַנ-
דערן, „וואַרט! איך אויך, איך גיי אויך!״ און אַלע ווי איי-
נער לאָזן זיי זיך גיין פֿאַרשלאָפֿענע, פֿאַרטאָיעטע. וווּהין?
וווּהין די אויגן טראָגן. עס רעדט זיך אַזוי „וווּהין די אויגן
טראָגן״. די אויגן דאָך גאָר מיט שלאָף פֿאַרחתמעט ניט
וווּהין די אויגן — וווּהין דאָס האַרץ טראָגט, אַהין גייען זיי.

און דאָס פֿינצטערניש פֿאַרדעקט די ערד. און אַ גאַנ-
רעגן מבולט, מבולט מיט נאַכט אויף דער וועלט. און די
דריי און דרייסיק גייען און גייען, שורותווייז גייען זיי, צו
צען, צו צען אין אַ שורה. און דריי פֿאָרויס ווי אַ סגל. די
אויגן פֿאַרמאַכט די אויערן פֿאַרשלאָסן, דאָס האַרץ אָפֿן.
דאָס האַרץ וואַך, דאָס האַרץ הערט.

און וואָס הערט עס, דאָס האַרץ? דעם רוף! דעם רוף,
וואָס רופֿט זיי ערגעץ ווו אין דער נאַכט; דעם רוף, וואָס
פֿון די געלעגערס זיי אַ הייב געטון, אויף דעם גאַס אַרויס-
געטראָגן. און נאָכן רוף מיט פֿאַרמאַכטע אויגן גייען זיי.

אין שטילקייט שוואַרצער, אין פֿינצטערקייט נאַסער,
עס פֿירט זיי דער רוף איבער געסלעך און גאַסן, גאַס איין,
גאַס אויס — אַרויס. פֿון שטאָט אַרויס אין
וואַלד אריין: אין שטאָט אַזוי — וואָס-זשע וועט אין וואַלד
שוין זיין? ערשט: אַ דונער אַ קנאַל, און אַלע מיט אַ מאָל די
אויגן אַ עפֿן. הימל עפֿן זיך — אַזאַ און פֿאַזאַ! נאַקעטע,
באָרוועסע, פֿאַר די הענט און פֿאַר די פֿיס געבונדן צו צוויי
ביימער זיינען זיי. זיי ציטערן און פֿלאַטערן און שרייען
געוואַלד. ניט מיטן מויל. דאָס מויל פֿאַרשטאָפּט — מיט

אויגן האַלב-פאַרגליווערטע שרייען זיי, רופן זיי, בעטן זיי: „העלפט!"

און וואָס די לאַמעד-גימל בעומר באַלד דאָ געטון? דאָס פאַרשטייט דאָך שוין אַ קינד, וואָס צוויי קען נאָר ציילן. איז וואָס-זשע בלייבט מיר צו דערציילן? אַזאַי און פאַזאַי גענומען דערציילן וואָס מיט זיי זיך געטראָפן-פאַר-לאָפן, אַלץ פון אַלף ביז תוו. און אַז געקומען זיינען זיי דערצו, ווי די גזלנים די צוועלף קעמלען גאָלד אַוועקגע-פירט, די הענט אויף די קעפ האָבן זיי פאַרוואָרפן און טרערן פון די אויגן זייערע זיך געגאָסן.

זאָגן די לאַמעד-גימל: „גאָלד? גאָלד ווילט איר? קומט מיט אונדז! קומט מיט אונדז! מיר אייך ווייזן גאָלד, אמת גאָלד! אייער גאָלד, זעט, טויט און קללה ברענגט עס, אונדזער גאָלד — לעבן און ברכה!"

און געפירט זיי אַזאַין און פאַזאַין און געבראַכט אַהין אין יענעם טאָל, אין טאָל פון גילדענע זאַנגען, וווהין בר יוחאי אַמאָל מיט זיי געגאַנגען.

פון דעמאָלט אָן אַז עס קומט דער טאָג, ווען „ל"ג בעומר" די חברים אין טאָל אַרויסגעפירט, דאָס אמתע פרישע גאָלד זיי צו ווייזן, גייען קינדערלעך אין די גרינע טאָלן גאָלד זוכן. און מיט פייל-און-בויגן באַוואָפענען זיי זיך. זיי זאָגן זיך, די קונדיסים, אין שפּאַס: „מיר גייען דאָך גאָלד זוכן. איז טאָמער, ווי אַ זאַך מאַכט זיך, אונדז, ווי אַזאַין און פאַזאַין, גזלנים באַפאַלן — מיט פייל-און-בויגן זיך אַקעגנשטעלן!"

אַנדערע אויפֿן פֿרייען פֿעלד אַ פּייער צעלייגן, פֿאַר די הענט נעמען זיי זיך אָן, און אַרום דעם פּייער אַ טאַנץ גייען זיי. זיי טאַנצן און זינגען:

בר יוחאי, בר יוחאי!
לאָמיר טאַנצן אויף דער פֿריי!
אויף דער פֿריי איז צוקערזיס —
בינדט דעם גזלן הענט און פֿיס!
בר יוחאי, בר יוחאי!

בינדט דעם גזלן פֿיס און הענט —
קומט דאָס פּייער און עס ברענט!
דורכן פּייער קנאַל און שריי:
לאָמיר טאַנצן אויף דער פֿריי!
בר יוחאי, בר יוחאי!

חד גדיא

לאָמיר זינגען דאָרט און דאָ,
משה, נעם די פידל:
דעם חד-גדיא, חד-גדיא —
כאָטש דאָס לידעלע איז אַלט,
נאָר ס׳וועט ווערן יינגער באַלד...
חד-גדיא! חד-גדיא! חד-גדיא!

צי די סטרונעס אַלע אָן,
ווייל דאָס לידל הייבט זיך אָן!

יעדער ווייס דאָס — גרויס און קליין —
אַז ביים אַלטן טאַטן,
איז אַ ציגעלע געווען...
הערט אַ משא-מתן:
קומט אַ קעצל — ס׳איז ניט פויל,
כאַפּט דאָס ציגעלע אין מויל...
חד-גדיא! חד-גדיא! חד-גדיא!

כ׳האָב נאָך געהערט אין וויגעלע
דאָס לידל פון דעם ציגעלע...
חד-גדיא! חד-גדיא! חד-גדיא!

טוט זיך פון דער קייט אַ ריס
אַ פּיסקאַטע הינטל,
טוט דאָס קעצעלע אַ ביס,
יאָגט גלייך ווי אַ ווינטל...
יאָגט אויף אַלע פיר צוריק,
איבער וואַסער אָן אַ בריק...
חד-גדיא! חד-גדיא! חד-גדיא!

יאָג זיך, טראָג זיך, הינטעלע —
ניט תמיד ווייט אַ ווינטעלע!...
חד-גדיא! חד-גדיא! חד-גדיא!

וואָס ס'איז ווייטער דאָרט געשען
וועל איך אייך באַלד זאָגן:
קומט אַ שטעקעלע צו גיין,
כאַפּט דאָס הינטל שלאָגן...
דאָס הינטל שרייט — ס'איז אַ געוואַלד!
ביז עס ווערט אַנטשוויגן באַלד...
חד-גדיא! חד-גדיא! חד-גדיא!

שטעקן, שטעקן, שטעקעלע
פון יעדער זייט איין עקעלע!
קומט דאָס פייער אויפן אָרט —
פשוט מיט סכנות...
און צעברענט זיך דאָ און דאָרט
גאָר אָן רחמנות.
ביז אין הימל גייט דער רויך
און פאַרברענט דאָס שטעקל אויך...
חד-גדיא! חד-גדיא! חד-גדיא!

פייער! פייער... אוי עס ברענט...
אוי, דאָס לעבן קאָכט און זידט...
חד-גדיא! חד-גדיא! חד-גדיא!

האָט דאָס וואַסער דאָס דערזען —
אוי, די הילף איז טייער —
קומט דאָס וואַסער גלייך צוגיין
און פאַרלעשט דאָס פייער...
ווו ס'איז נאָר געווען אַ פונק,
איז פאַרלאָשן באַלד אַלצדינג...
חד-גדיא! חד-גדיא! חד-גדיא!

וואַסער! וואַסער! גיס און גיס,
ווו דו לויפסט, גיב-אָפּ אַ גרוס...
חד-גדיא! חד-גדיא! חד-גדיא!

קומט אַן אָקס, אַליין ניט גרויס,
נאָר מיט הערנער גרויסע,
טרינקט דאָס גאַנצע וואַסער אויס,
ווי מען טרינקט אַ כוסה...
מיט דער צונג זיך שטארק באַלעקט —
ס'האָט די כוסה אים געשמעקט...
חד-גדיא! חד-גדיא! חד-גדיא!

אָקסן דאָ, און אָקסן דאָרט...
אָן אַ לשון, אָן אַ וואָרט...
חד-גדיא! חד-גדיא! חד-גדיא!

קומט דער שוחט- פעט ווי שמאַלץ,
מיט אַ שאַרפן מעסער,
מאַכט דער מעסער איבערן האַלדז —
בלוט רינט גאַנצע פעסער...
נאָר אַ כריפּ האָט מען געהערט,
ליגט דער אָקס שוין אויף דער ערד...
חד-גדיא! חד-גדיא! חד-גדיא!

שוחט, שוחט, — גרינגע האַנט...
ס'גיסט זיך בלוט אין גאַנצן לאַנד!...
חד-גדיא! חד-גדיא! חד-גדיא!

קומט דער מלאך-המות צוגיין —
ער האָט געפונען אַ קרבן —
האָט דער שוחט אים דערזען
איז ער האַלב געשטאָרבן:
דער שוחט וויינט און פרעגט: „פאַר וואָס?"
האָט ער באַקומען אַ שנעל אין דער נאָז...
חד-גדיא! חד-גדיא! חד-גדיא!

דער מלאך-המות קלאַפּט אין דער טיר:
עפן, עפן, איך קום נאָך דיר...
חד-גדיא! חד-גדיא! חד-גדיא!

לאָזט זיך גאָט אַראָפּ אַליין —
ער טרייבט ניט קיין קאַטאָוועס...
האָט ער אויף דער ערד דערזען
דעם אַלטן מלאך-המות...

גאָט האָט זיך צוגערירט צו זיין שוים
איז פון מלאך געוואָרן אוים...
חד-גדיא! חד-גדיא! חד-גדיא!
גאָט איז צוריק צום הימל אַרויף —
יעדעס לידל האָט אַ סוף.
חד-גדיא! חד-גדיא! חד-גדיא!

אַ מעשה מיט אַ ציג אַ ווייסער

איז דעם טאַטן אָרמען טרויעריק געווען
הינטערן פאַרמאַכטן טויער פון גן-עדן,
האָט ער זיך געבראַכט אַ ציגעלע אַ ווייס
פאַר אים זיין ביטער גורל אויסצורײדן.
האָט דער רשע קין דעם קאָטער אָנגעשיקט
ביים ציגעלע דעם גאָרגל צו צערייסן,
האָט דער טאַטע אָדם יאָמערלעך געוויינט
אויף זיין חבר, אויפן ציגעלע דעם ווייסן.
האָט דער גוטער הבל דעם פרומען הונט געבראַכט —
דעם קאָטער, דעם רוצח, צו דערוואַרגן,
האָט קין פון דער ערד אַ בוים אַרויסגעפליקט,
דעם כלב, דעם בעל-יושר, צו דערהרגנען.

איז אַוועק אַ מעשה
מיט אַ ציג ווייסער,
פונקט ווי אין חד-גדיאָ שטייט.
הבל האָט זיך איינגעשטעלט
און קין האָט געווילדעוועט
ביז ער האָט זיין ברודער געטייט.
איז אַוועק אַ מעשה
מיט אַ ציג ווייסער,
פונקט ווי אין חד-גדיאָ שטייט.

אַ ציגעלע אַ ווייס

אויף דער גרינער לאָנקע
שפּילט אַ ציגעלע אַ ווייס,
שפּילט אַ ציגעלע אַ ווייס.
גיט אַ צופּ אַ גרעזל גרין,
שפּרינגט אַהער און שפּרינגט אַהין,
יאָגט זיך מעקענדיק אין קרייז.

פון דעם גרינעם וועלדל
קומט דער בייזער וואָלף צוגיין,
קומט דער בייזער וואָלף צוגיין.
מיט די אויגן בליצט ער ווילד,
מיט די ציינער קריצט ער ווילד
פּאַקט דאָס ציגעלע, דאָס קליין.

— וועלפל, האָב רחמנות!
וויינט דאָס ציגעלע אין שרעק,
וויינט דאָס ציגעלע אין שרעק:
— מיט די ציינער בייס מיך ניט,
עס מיך ניט, צעריים מיך ניט,
לאָז מיך אָפּ און גיי אַוועק!

אָבער פון דער ווייטן,
צילט אַ יעגער שטילערהייט,
צילט אַ יעגער שטילערהייט.
טוט זיין ביקס אַ הויכן קנאַל.
גיט דער בייזער וואָלף אַ פאַל.
טאַנצט דאָס ציגעלע פאַר פרייד.

א שבת אין גן-עדן

איין

מאָל פאַרצייטן איז אין א לאַנד א ווייטן געווען א ייד און מען האָט אים גערופן רב יודע דער שבת-היטער. און גערופן האָט מען אים אזוי ווייל זיין גאנץ לעבן האָט ער געהיט דעם שבת מער ווי אלע אנדערע יידן. א גאַנצע וואָך פלעגט ער אַרבעטן און עסן וואָס עס מאַכט זיך, אויף שבת אָבער פלעגט ער זיך איינקויפן די בעסטע און די טייערסטע עסנס און געטראַנקען — אלץ לכבוד שבת. און אז עס פלעגט קומען דאָנערשטיק פלעגט שוין ר׳ יודע פון שטאָט נישט ארויספאָרן — מען דאַרף זיך דאָך גרייטן צום הייליקן שבת! זיין ווייב פלעגט קנעטן און באַקן, רייניקן און וואַשן די צימערן אלץ לכבוד שבת. פרייטיק פלעגט ער שוין זיין געשעפט פאַרמאַכן, שטיל און רויק. נישט געהאַנדלט, נישט געוואַנדלט, נישט געקויפט און נישט פאַרקויפט — ס׳איז שבת. ביי אלע מענטשן איז נאָך וואָך און ביי רב יודען איז שוין פרייטיק אויך שבת.

גאנץ פרי פלעגט ער גיין אין באָד אריין זיך וואשן און רייניקן לכבוד שבת, זיך זיבן מאָל אָפּטונקען און אַן אויס־געצוואָגענער אַ ריינער פלעגט ער גיין אַהיים, זיך איבער־טאָן שבתדיק און זיך זעצן זאָגן שיר השירים מיטן שבת־דיקן ניגון. אין אַלע הייזער איז נאָך וואָכעדיק, און ביי רב יודען ברענען שוין די שבת־ליכט, דער טיש איז גרייט מיט וויין און שבת־חלות. רב יודע זיצט שבתדיק, יומטובדיק, זיצט און לערנט, זיצט און זאָגט און זינגט שבתדיקע זמירות.

די ווייב זיינע זיצט אויך אויסגעפּוצט אין שבתדיקע בגדים, מיט אַ שטערן טיכל, מיט אַ טשיפּיק, באַפּוצט מיט בריליאַנטן און מיט בייטשלעך קרעלן אויפן האלדז. זי זיצט און קוקט שטיל אין אירע ספרים.

אָט אזוי פלעגט באַגעגענען דעם שבת רב יודע דער שבת־היטער. און ווי ער פלעגט פארברענגען דעם גאַנצן שבת — וועגן דעם פארשפּאָרט מען שוין צו דערציילן.

טרעפט זיך איין מאָל גאָר א מלחמה און מען טרייבט ארויס אַלע יידן פון דער שטאָט. לאָזט זיך רב יודע מיט אַלע יידן אין וועג אריין לויפן. עס איז טאקע נאָר מיט־וואָך, מער נישט, אָבער ער האַלט אין איין בעטן ביי גאָט, ער זאָל קומען אויף שבת אין א יידישן ישוב אריין, ער זאָל קענען האַלטן שבת ווי אַלע מאָל.

און עס איז א קאַלטע ווינטערדיקע נאכט. א שניי שנייט און א ווינט וויִיט, פון ווייטן הערט מען די שיסע־רייען, — און יידן לויפן אַלץ ווייטער פון דער בייזער מל־

חמה. לויפט מען אין וואלד אריין — דאָ וועט דער ווינט נישט אזוי שטארק בלאָזן, דאָ וועט נישט אזוי שטארק קאַלט זיין, דאָ וועט מען זיך אפשר קענען פון דער מל-חמה אויסבאהאלטן. . פארשלאָפענע און הונגעריקע קינ-דער וויינען ביי די מאמעס אויף די הענט פון קעלט און פון שרעק, פון הונגער און פון נישט דערשלאָפן.

און רב יודע האָט זיך אָפּגעשטעלט אונטער א בוים צו דאַוונען מעריב. דערווײַלע זיינען אלע יידן ווייטער אין וואלד אוועק, און רב יודע איז געבליבן אליין.

לאָזט ער זיך אליין גיין, — האָט ער אָבער אין דער פינצטער און אין שניי דעם וועג פארלאָרן און ער בלאָנ-דזשעט. בלאָנדזשעט ער אזוי א גאנצע נאכט, און וואָס ווייטער ער גייט, אלץ געדיכטער ווערט דער וואלד. און עס ווערט שוין טאָג, קוים שיינט אריין די קאַלטע זון אין וואלד דורך די געדיכטע פארשנייטע ביימער-קעפּ, אָבער עס איז דאָך פאָרט טאָג, און עס איז שוין דאָנערשטיק, מאָרגן פרייטיק איז ערב שבת, — און ער איז אליין אין טיפן וואלד אָן א ברעג און אָן א סוף. רוט ער נישט און גייט אלץ ווייטער, טראכט ער נישט פון הונגער און פון שלאָף, און ער גייט — אפשר וועט אים גאָט ברענגען ערגעץ צו א יידן שבת צו האלטן. אָבער וואָס ווייטער ער גייט אלץ טיפער ווערט דער וואלד, און מען קען נים זען קיין ברעג פון וואלד. פון קיין זייט נישט פון צווישן די ביימער שיינט נישט אריין קיין ברעקל פריי ליכט,

נאָר ביימער און ביימער, פאַרשנייטע צווייגן און פאַר־שנייטע קאַלטע ערד. און אָט באַמערקט ער צווישן די צווייגן פון די ביימער ווי די זון הייבט זיך שוין אָן צו זעצן, צו פאַרגיין, און עס ווערט שוין ווידער נאַכט. שוין דאָנער־שטיק צו נאַכט, און מאָרגן אין דער צייט וועט דאָך שוין זיין שבת! און אין וואַלד איז נאָך פינצטערער, און נאָך קעלטער. רב יודע האָט שוין נישט קיין כוח צו גיין, אָבער ער גייט אַלץ ווייטער. ער זאָגט תהילים און בעט אַלץ ביי גאָט ער זאָל אים אַרויספירן אויפן ריכטיקן וועג און ער זאָל קומען אויף שבת אין אַ יידישער היים אַריין.

און ווי פאַרמאַטערט ער איז פאַלט ער אַנידער אויף אַן איינגעפאַלענעם בוים און שלאָפט איין. און עס חלומט זיך אים אַ חלום, ווי אַן אַלטער מאַן מיט אַ באָרד ווייס ווי שניי קומט צו אים, לייגט אים זיינע הענט אַרויף אויפן קאָפ און זאָגט אים שטיל אַזוי ווי אַ קליין ווינטעלע וואָלט אַ בלאָז געטאָן: „האָב קיין מורא נישט, גאָט האָט גע־הערט דיין בעטן און דיין דאַוונען, און ער האָט מיך צו דיר געשיקט איך זאָל דיך טרייסטן". און עס האָט טאַקע אַ בלאָז געטאָן פון ערגעץ אַ וואַרעם ווינטעלע, האָט אַ גלעט געטאָן רב יודעס פנים, ווי אַ וואַרעמע האַנט וואָלט זיך צו אים אָנגערירט, — און ער האָט זיך אויפגעכאַפּט. און דער חלום האָט אים געמונטערט, געגעבן כוח, האָט ער מיט שניי די הענט געוואַשן, גאָט געדאַנקט און זיך ווייטער געלאָזט אין וועג.

אָבער דער וואַלד ציט זיך ווייטער און ווייטער, אָן אַ סוף און אָן א ברעג, און עס איז שוין פרייטיק, און די זון שטייט שוין אין מיטן הימל, ער זעט זי דורך די געדיכטע צווייגן פון די ביימער. עס איז פרייטיק האַלבער טאָג. ווייטער גייט ער נישט. ביי רב יודען איז פרייטיק ביי טאָג שוין שבת!

זעט ער א שטיין, ראַמט ער אָפּ דעם שניי, זעצט זיך צו און ער זאָגט:

— האָסטו גאָט נישט געבראַכט מיך אויף שבת אין א יידישער שטוב, וועל איך דאָ אין וואַלד האַלטן שבת, האָב איך נישט געקאָנט גיין אין באָד אריין לכבוד שבת, וועל איך מיט שניי וואשן די הענט און דעם פּנים; האָב איך נישט קיין שבתדיקע מלבושים אָנצוטאָן, וועל איך אין די וואָכעדיקע שבת האַלטן, און דער וואלד מיט די פארשנייטע זילבער-ווייסע צווייגן-קרוינען וועט זיין פאר מיר די שול וו צו דאַווענען. און רב יודע האָט זיך גענומען זאָגן שיר השירים ווי ער פלעגט עס טאָן אַלע פרייטיק ביי זיך אין דער אויסגעפוצטער שבתדיקער היים.

און ווי ער זינגט אַזוי, דוכט זיך אים אַז עמיצער זינגט מיט מיט אים, ער קערט זיין פּנים אין אַלע זייטן — קיינער איז נישטאָ, נאָר ביימער און שניי. אָבער ער הערט אַזוי קלאָר ווי עמיצער זינגט גלייך מיט אים... זינגען עס די ביימער צי וואָס? און עס ווערט אים פריילעך, ווארעמער גאָר, אָט ווי אַלע מאָל פרייטיק ווען ער האָט זיין היים געהאָט און דאָרטן זיין שבת אָפּגעהיט. זאָגט ער דעם

שיר השירים נאָך שטאַרקער, מיט זיין גאנצן הארצן און ארום אים, מיט אים זינגט זיך מיט דער שיר השירים.

ערשט ער הערט ווי עמיצער וואָלט צו אים געזאָגט קלאָר און דייטלעך:

— הייב אויף דיינע אויגן און זע!...

ער טוט אזוי, ער קוקט אין אלע זייטן, ערשט ער זעט פון ווייטן — עס שטייט א פאלאץ אין מיטן וואלד, פון די פענצטער גיסן זיך גאַנצע טייכן ליכט, און די ווענט שיינען און גלאנצן פון דרויסן מיט אלערליי קאָלירן. לאָזט ער זיך גיין צום פּאַלאַץ — עס איז נאָך די זון אויפן מיטן הימל — מען מעג נאָך גיין.

קומט ער צום פאלאץ צו. איבער דעם גאָלדענעם טויער לייכטן און גלאנצן גאָלדענע ווערטער: „זה השער לה׳, צדיקים יבואו בו" — וואָס אויף יידיש מיינט עס — דאָס איז דער טויער פאר גאָט, נאָר צדיקים זאָלן אהער אַריין. בלייבט ער שטיין, רב יודע. איז ער דען אַזאַ צדיק? מעג ער אריינקומען אהער? און קיין מענטש זעט מען נישט, און קיין קול הערט מען נישט, שטיל איז ארום — קיינער נישטאָ ביי וועמען צו פרעגן. שטייט ער און ער טראַכט, ערשט דער טויער גיט זיך אליין אן עפן און ער הערט קלאָר און דייטלעך ווי א קול זאָגט צו אים: גיי אַריין, שטיי נישט אין דרויסן. לאָזט ער זיך גיין, און אין הארצן קלאפּט אים, אז ער קען אפילו קיין וואָרט נישט ארויסריידן. און איידער ער איז נאָך צוגעגאנגען צו דער ערשטער טיר, אַזוי האָט זי זיך פאַר אים געעפנט, א זאַל

אַ גרויסער, אָן אַ סוף אָן אַ ברעג. זעט ער אין זאַל צוויי לאַנגע געדעקטע שבתדיקע טישן און אויף זיי שטייען צוויי זילבערנע אָנגעצונדענע שבתדיקע לייכטער מיט זיבן רערן און מיט זיבן ליכט אין זיי, און די ליכט לייכטן ווי די זיבן זונען. און אַן אַלטער מאַן פּונקט אַזאַ ווי ער האָט אין זיין חלום אין וואַלד געזען גייט צו צו אים און זאָגט אים:

— זיי ווייסן, ר׳ יודע, אַז דו ביסט אין גן עדן וווּ קיין לע־בעדיקער מענטש איז נאָך נישט געווען און ער קען נישט זיין. גיי ווייטער, פרעג נישט קיין זאַך און שרעק זיך נישט.

איז ער געגאַנגען דורך איין זאַל און אַ צווייטן און אַזוי אין זיבן זאַלן. און איטלעכער זאַל איז שענער פון דעם פריערדיקן. אַט האָט זיך אים געגומען דוכטן אַז מען זינגט אַרום אים אין די זאַלן, שבתדיקע ניגונים און תפי־לות זינגט מען, אָבער קיין מענטשן האָט ער נישט גע־זען. ערשט אין זיבעטן זאַל איז געווען ווי אין שול. אַ מנין יידן זיינען געזעסן. ער איז אַריין, האָט מען אים געגעבן „שלום עליכם" און מען האָט גענומען דאַווענען. זיס און געשמאַק האָט מען געזונגען דאָס דאַווענען, אָבער דעם חזן האָט ער נישט געזען. לעבן אים איז געשטאַנען דער אַל־טער מאַן וואָס אין חלום. ער האָט אים געוואָלט פרעגן, אָבער ער האָט אים נישט געלאָזן — „פרעג קיין זאַך נישט און וווּנדער זיך נישט". נאָכן דאַווענען האָט מען זיך גע־זאָגט „גוט שבת", גוט שבת־גוט יאָר" און דער אַלטער מאַן האָט אים אָפּגעפירט אין אַ צווייטן זאַל וווּ מען האָט געגעסן און געזונגען שבתדיקע זמירות...

און אזוי איז אריבער דער גאנצער שבת. שבתצונאכט נאָך הבדלה האָט דער אלטער מאן צו אים געזאָגט: דער שבת איז געענדיקט, איצט גיי אהיים. ער האָט אים גע־האָלפן דורכגיין דורך אלע זאלן און טויערן ביז ער איז אַרויס פון וואַלד.

ווי פאַרוואונדערט ער איז געוואָרן ווען ער האָט גלייך דערקענט דעם ריכטיקן וועג צו זיין שטעטל, צו זיין היים. אלץ איז צוריק געווען ווי פריער. מענטשן האָבן אים גע־האלטן אין איין פרעגן ווו ער איז געווען, אָבער ער האָט קיינעם נישט דערציילט זיין סוד, אז ער איז לעבעדיקער־הייט געווען אין גן עדן.

דער פאָרזיכטיקער האָן

ערגעץ ווו — ניט נאָענט, ניט ווייט,
אויף אַ בערגל אין דער זייט,
אָפּגערוקט פוןברייטן שליאַך
שטייט אַ שטיבעלע פון סכך,
ווי פון דר׳ערד אַרויסגעוואַקסן,
צווישן מאָן און הויכע פלאַקסן.

דאָרטן צווישן פלאַקס און מאָן
וווינט אַ קאָטער מיט אַ האָן;
הייסט דער קאָטער פעטער קיץ
און דער האָן רב מיצלמיץ.
ניט פון היינט — שוין זיבן יאָר
דאָרט אין שטיבל וווינט דאָס פּאָר
און ס׳האָט קיינער ניט געוווּסט.

פּלוצים קיצן זיך פאַרגלוסט
גאָר אַ פּעסקע מיט אַ טראָלד
און אַן אוירינגל פון גאָלד,
פאָרט ער אויפן יאָר-יאַריד,
פאָרט און נעמט דעם האָן ניט מיט.
ביי דער שטוב געלאָזט דעם האָן

און ער זאָגט אַזוי אים אָן:
„לעבן שטיבעלע אַרום
דרייט דער פוקס, דער פוקס זיך אום;
מיט אַ גראָבן קאַנטשיק שמייסט ער,
איבער באַרג און טאָלן רייזט ער,
ווו אַ האָן כאַפּ-כאַפּ אין טייסטער.
זיץ-זשע שטיל און זיי-זשע קלוג,
טו אין פענצטער ניט קיין קוק,
מיט די פליגל טו קיין פליעסקע
און זיך גאָרגלען דאַרף מען ניט!
נו, איך אייל זיך צום יאַריד:
איך מוז קויפן מיר אַ פעסקע
און אַ רינג צום רעכטן אויערל.
זיי געזונט! פאַרשליס דאָס טויערל!"

„זיי געזונט און פֿאָר געזונט!
שטעל ניט אָפּ זיך מיטן הונט!״

היים; אין דרויסן ברענט די היץ,
אויפֿן מאַרק דרייט אום זיך קיץ
אין דער טערקיש-רויטער פּעס.
באַלד וועט ווערן אַ מעת לעת,
ער דאָס אוירינגל נאָך דינגט:

און דער פּוקס דאָרט לעבן הייזל
שווייגט דערווייל ניט, נייַן, ער קלינגט
מיט צוויי טעצלעך און ער זינגט:
„צדיקל, צדיקל,
פּייער-רויטיק ספּאָדיקל,
שטעק אַרויס דאָס פּיסקעלע,
שענק איך דיר אַ קרישקעלע!
קינדערלעך געזעסן,
קוילעטשלעך געגעסן,
קרישקעלעך געבליבן,
קיינער ניט געקליבן.״
ווײַ, דער האָן, ער האַלט ניט אויס,
שטעקט דאָס פּיסקעלע אַרויס,
שפּרינגט דאָס פּיקסל אויף די טרעפּ
און — דאָס הענדעלע שליפּ-שלעפּ!

און רב קיץ פֿאַרשטויבט, פּיטש נאַס ער
לעשט דעם דאָרשט מיט סאָדעוואַסער,

און ער וואָרטשעט: „ניט קיין קאַלטס!"
און דאָס רינגל דינגט ער אַלץ;
ווייל מען פופצן, גיט ער פערצן.



נו, הכלל, אַן עק, אין קורצן:
אָט, אָט, אָ, עס האַלט ביים קאָפּן —
הענדום-פּענדום נעמט ער לויפן
איבער דעכער, איבער שטיבער,
איבער קוימענס, איבער גריבער,
ווי אַ קיילעכל פון ביקסל
פליט ער — טרעפט דאָס ביטרע פּיקסל.

זיך מיט שטייפקייט איינגעצויגן,
און אַ שפּרונג דעם פוקס אין ד'אויגן!
טראָגן פייער גרינע שפּינען —
ביידע אויגן אויסגערונען!
(נו, דער פוקס גערעוועט, קינדער!)
לאָזט שוין אָפּ דעם האָן דער בלינדער.
איז דער האָן פאַרחלשט נעבעך,
קוים, קוים פרעגט ער: „טויט, צי לעב איך?"
ענטפערט אים רב קיץ קיין וואָרט ניט,
שפּעט, די זון שטייט אויף קיין אָרט ניט,
שוין געזעצט זיך, באַלד פאַרגייט זי;
כאַפּט דעם האָן ער אויף דער פּלייצע
און — אַוועק, אין דאָרף געלאָפן.
איז נאָך דאָס אַפּטייקל אָפן,
קויפט ער דאָרטן אין אַפּטייקל,
וואַסערלעך פון טייך חדקל
אין צוויי גרויסע גרינע פלאַשן
און ער נעמט דעם חבר וואַשן.

ווערט דער האָן ווי נײַ געבוירן
און קריצט אויס אויף אַלע טויערן
מיט זײַן שפּיציק־שאַרפן נאָגל:
„גוט צום הוסט אַ גאָגלמאָגל.
נעמט דיך אַ פאַרקילונג שטעכן —
רוף דעם שפּרעכער זאָל ער שפּרעכן!
זאָגט מען דרײַ מאָל „האָרע־קאָרע",
פעלט זיך איכעט אַן עין־הרע.

אָט אַזוי דער האָן פאַרשריבן,
און אַליין זיך וואָרט געגעבן:
ער קײַן קרישקע עסט ניט מער,
און אַפילו ניט קײַן קער...
און דעם צווייטן טאָג שוין פאַסט ער.
און ער לייגט צו „הופקע־פלאַסטער",
זיך די ווונדן צו פאַרהיילן...

ווער ווייסט שענערס — זאָל דערציילן!

אין אַ קליין שטיבעלע

אין אַ קליין שטיבעלע
וווינט אַן אַלטע יידענע
מיט אירע זיבן קינדער —
אַלע אויף בייז וווּנדער:

מיט אַזוינע נעזער,
מיט אַזוינע אויגן,
מיט אַזוינע אויערן,
מיט אַזוינע קעפּ
מיט אַזוינע האָר,
מיט אַזוינע בערד,
מיט אַזוינע בייכער,
מיט אַזוינע רוקנס,
מיט אַזוינע זייטן,
מיט אַזוינע פיס,
מיט אַזוינע הענט.

גאָרנישט ניט געגעסן,
גאַרנישט ניט געטרונקען,
נאָר זיי טאַנצן, שפּרינגען,
לידער נאָר זיי זינגען.

שטיפעריין

אַ שפּילקע האָט אַ קאָפּ,
אָבער קען ניט קלערן.
אַ נאָדל האָט אַן אויער,
אָבער קען ניט הערן.

אַ טיש האָט פֿיס,
אָבער קען ניט גיין.
אַ טשייניק האָט אַ מויל,
אָבער ניט קיין ציין.

אַ ווינט-מיל האָט פֿליגל,
אָבער קען ניט פֿליען.
אַ בעט האָט פֿיס,
אָבער קען ניט גיין.

קישנס האָבן פֿעדערן —
זיינען ניט קיין פֿייגל.
נעצן האָבן לעכער —
זיינען ניט קיין בייגל.

פאַר וואָס קרייט דער האָן

ד ע ר

דער ערשטער מענטש האָט געהייסן אָדם.

אָדם האָט געהאַט צוויי זין. איינער האָט געהייסן קין און איינער הבל.

איין מאָל זאָגט קין צו הבלן:

„ברודער הבל, לאָמיר צווישן זיך צעטיילן די וועלט!"

„גוט!" זאָגט הבל, „אַז דו ווילסט, זאָל זיין אַזוי!"

האָט קין גענומען די פעלדער און וועלדער און הבל — די שאָף און רינדער.

אויף מאָרגן פירט הבל ארויס זיינע שעפעלעך פאַשען. שרייט קין: „אַוועק! וואָס טוסטו אויף מיין פעלד?" שרייט הבל: די וואָל פון דיין קלייד — פון מיינע שעפעלעך האָסטו געשוירן! גיב אָפּ! טו אויס!"

האָבן זיי זיך געקריגט, געקריגט, ביז קין האָט געכאַפּט א שטיין, געוואָרפן אין זיין ברודער הבל און אים דערהרגעט.

האָט גאָט פאַרשאָלטן קינען, ער זאָל אומוואַנדערן ווי א ווינט אויף דער וועלט.

האָט קין גענומען וואַנדערן וואַלד איין, וואַלד אויס,

און ער איז געוואָרן דער טאַטע פון אַלע וואַלד גזלנים.

רופט מען אַלע קינס קינדער און קינס אייניקלעך — רוחות, רוחות הייסט ווינטן.

בייזע ווינטן, שלעכטע ווינטן
הוליען קערן וועלטן,
רייסן דעכער, מאַכן חרוב
אָרעמע געצעלטן.

און די רוחות קינס קינדער, מאַכן חרוב די שטיבלעך פון אָרעמע לייט, הרגענען, פאַרגיסן בלוט...

א סך, א סך בלוט האָבן שוין די רוחות פאַרגאָסן. נאָר דאָס בלוט, קינדערלעך, גייט נישט פאַרלוירן.

די זון שיקט אַראָפּ אויף דער ערד אירע ליכטיקע שטראַלן און זיי קלויבן צונויף יעדן טראָפּן בלוט. און וואָס טוט די זון מיט דעם בלוט? זי מאַכט פון אים א רויטן, א פייערדיקן ים. און יעדן אינדערפרי קאָכט זי אין אים אָפּ אַן אַנדערן רוח.

דערפאַר, אַז איר וועט אויפשטיין אין דער פרי, וועט איר זעען: אין מיזרח ברענט א רויטער, בלוטיקער ים.

און ווען קין האָט געדרגעט הבלן, האָט א טראָפּן פון הבלס בלוט אַ שפּריץ געטאָן און געטראָפן דעם האָן פונקט אין קאַם.

איז דער קאַם געוואָרן רויט ווי פייער.

און אַלע פרימאָרגן, איידער די זון גייט אויף, פונקט אין דער מינוט ווען הבלס בלוט האָט א שפּריץ געטאָן אויפן קאַם פונם האָן, טוט דעם האָן א ברי אין קאַם, כאַפּט זיך דער האָן אויף און שרייט: „זון, זון, קום אַרויס! קאָך א רוח אָפּ! קאָך א רוח אָפּ! קו־קו־רע־קו!”

דער אומשולדיקער וועכטער

אַמאָל האָט פּאַסירט... אין אַ שטעטל,
מען האָט שוין פאַרגעסן איר נאָמען —
געשען איז אויפן מאַרק אַ גנבה:
מען האָט דאָרט באַגנבעט די קראָמען.

אויף מאָרגן איז יעדער געקומען
אין מאַרק צו זיין קראָם מיט אַ שליסל —
דערזעט ער: די קראָם איז שוין אָפן,
און סחורה — ניטאָ דאָרט קיין ביסל.

מען האָט זיך גענומען צום וועכטער —
אַ ייד מיט אַ באָרד שוין אַ גרויע...
„וווּ ביסטו געווען?" — דער אַלטער
געשטאַנען איז שטיל מיט הכנעה.

האָט אויסגעהערט אלערליי טענות,
ווי ס'פּאַסט פאַר א וועכטער — געדולדיק,
און נאָכדעם געענטפערט: „אוי, גלייבט מיר,
איך בין דאָ, רבותי, נישט שולדיק!

איך האָב געהיט, ווי מיין שטייגער
ווי איך פּלעג זיי אלע נאכט היטן:
איך זאָג א קאפּיטעלע תהילים

דאָ זע איך, עס פאָרן צו וועגנס
און עטלעכע מענטשן דאָרט זיצן;
איך האָב גלייך פארשטאנען: גנבים...
צו וואָס זאָל איך, טראַכט איך מיר, רייצן?

ווי באַלד אַז איך בין דאָך דער וועכטער,
איז וואָס איז צו האָבן דאָ מורא?...
ווי באַלד אַז איך היט, איז דען מעגלעך,
זיי זאָלן אוועקפירן סחורה?

איך האָב זיך פאַררוקט אין אַ ווינקל
אומישנע... וואָס וועלן זיי מאַכן?
ווי באַלד אַז איך בין דאָך דער וועכטער! —
איז קוק איך און פּלאַץ שיִר פאַר לאַכן...

איך זע פון מיין ווינקל, ווי איינער
אַז נאָך דעם אַ צווייטער, אַ דריטער —
זיי גייען צו שטיל צו די קראָמען —
איז לאַך איך: איך בין דאָך דער היטער!

די העזה ביי זיי ווערט נאָך גרעסער,
זיי הייבן די קראָמען אָן שליסן...
איז לאַך איך — ווי באַלד אַז איך היט זיי —
און מאַך זיך אַזוי ווי נישט וויסן.

זיי הייבן אָן עפענען קראָמען...
און איך, אייער ערלעכער וועכטער,
איך קוק און גיב אַכטונג פון ווינקל
און ווער שיִר דערשטיקט פאַר געלעכטער.

„ווארט-ווארט, לאך איך, וואָס וועט זיין ווייטער?...
איך וועט שוין א צענטן פארזאָגן..."
איך זע, ווי זיי פאקן שוין סחורה
און הייבן אָן אין דרויסן צו טראָגן.

„אזוי גאָר גנבימלעך! — לאך איך —
איך ווילט דווקא פרעמדע פארמעגנס!"
און קוק זיך דערווייל, ווי זיי טראָגן
און לייגן דאָס ארויף אויף די וועגנס.

איז לאך איך... וואָס קען עס מיך ארן —
איך בין דאָך שוין אלט... נישט קיין יינגל...
איך וועל אייך, גנבים, שוין ווייזן —
און לאך מיר אזוי אין מיין ווינקל.

דאָ זע איך, זיי גרייטן זיך פאָרן
און איטלעכער שפרינגט אין זיין וואָגן.
דאָ האָב איך שוין אויפגעהערט לאכן,
פארשטאנען: מען דארף זיי שוין זאָגן.

און איידער איך האָב נאָך באוויזן
דעם יחוס פון גנב פארטייטשן,
זיי האָבן גענומען גלייך שמייסן
די פערד נאָך אַנאַנד מיט די בייטשן.

איך האָב זיי געיאָגט ביז בית-עולם...
פארטאָג... א סכנה... פול מתים...
די פורן האָב איך נישט דעריאָגט דאָך — —
נו, בין איך דען שולדיק, רבותים?!...

וואָס וויל דאָס מיידעלע

יאָמע, יאָמע, שפּיל נאָר אַ לידעלע,
וואָס דאָס מיידעלע וויל?
„דאָס מיידעלע וויל אַ פּאָר שיכעלעך האָבן,
מוז מען גיין דעם שוסטער זאָגן!"
— „ניין, מאַמעשי, ניין!
דו קענסט מיך נישט פאַרשטיין,
דו ווייסט נישט וואָס איך מיין!"

יאָמע, יאָמע, שפּיל נאָר אַ לידעלע,
וואָס דאָס מיידעלע וויל?
„דאָס מיידעלע וויל אַ היטעלע האָבן,
מוז מען גיין צו דער פּוצערקע זאָגן!"
— „ניין, מאַמעשי, ניין!
דו קענסט מיך נישט פאַרשטיין
דו ווייסט נישט וואָס איך מיין!"

יאָמע, יאָמע, שפּיל נאָר אַ לידעלע,
וואָס דאָס מיידעלע וויל?
„דאָס מיידעלע וויל אַ פּאָר אויריגנלעך האָבן,
מוז מען גיין דעם גאָלדשמיד זאָגן!"
— „ניין, מאַמעשי, ניין!
דו קענסט מיך נישט פאַרשטיין
דו ווייסט נישט וואָס איך מיין!"

אלף-בית

אלף — אַן אָדלער טוט אונטערן הימל פליען,
בית — אַ באַרן-בוים טוט אַלע זומער בליען,
גימל — אַ גלח טוט זיך צו דער עבודה זרה קניען
דלת — אַ דאָקטאָר טוט געבן אויף שוויצן,
הא — אַ הימל טוט אַלע זומער דונערן און בליצן,
וו — אַ ווײַנער טוט אויף די פעסלעך ווײַן זיצן,
זין — אַ זעלנער טוט אין דער מלחמה שיסן,
חית — אַ חזן טוט זיך ביים דאַוונען מיט טרערן באַגיסן,
טית — אַ טײַך טוט לויפן און פליסן,
יוד — אַ יאַטקע-קלאָץ מען טוט אויף איר פלייש האַקן,
כף — אַ כלה טוט מען פאַר איר לעקעך באַקן,
למד — אַ לעבער טוט מען בראָטן און באַקן,
מם — אַ מיידל טוט זיך פוצן און צירן,
נון — אַ נאָז טוט מען אַלע ווינטער אָפּפרירן,
סמך — אַ סאָד טוט מען אין אים אַלע זומער גיין שפּאַצירן
עין — אַן עקדיש טוט אין די פיס בייסן,
פה — אַ פויער וואָס דער פריץ טוט אים שמייסן,
צדיק — אַ צאָן טוט דער דאָקטאָר אַרויסרייסן,
קוף — אַ קאָכלעפל טוט דעם טאָפ אויסמישן,
ריש — אַ רב טוט אַלע דינים וויסן,
שין — אַ שייגעץ טוט פון קיין אַלף ניט וויסן
תוו — תמיד אין הימל האָבן מיר אַ פאָטער.
ווען וועלן מיר שוין ווערן פון גלות פטור?

משה מורשה

משה מורשה אויף יענער וועלט,
וואַרף מיר אַראָפּ אַ זעקעלע געלט!

צו וואָס טויג דיר אַ זעקעלע געלט?
צו קויפן אַ פערד און וועגעלע!

צו וואָס טויג דיר אַ פערד און וועגעלע?
שטיינדעלעך צו פירן!

צו וואָס טויגן דיר שטיינדעלעך?
אויפצומויערן אַ בית המדרשל!

צו וואָס טויג דיר אַ בית המדרשל?
אריינצוטרעטן,
און גאָט צו בעטן!

דער קלוגער משפּט

אײן

דער אַלטער שטאָט פּראָג זײַנען אַמאָל געװען צװײ קרעמער, שכנים אין אײן הױז, און נאָר אַ דין װענטל פֿון ברעטער האָט אָפּגעטײלט זײערע קראָמען. אײנער איז געװען אַ קצב און דער צװײטער האָט געהאַט אַ בשמים-קראָם. פֿלעגן די שכנים, װען זײ פֿלעגן צײַט האָבן זיך דורכשמועסן דורכן װענטל און מען פֿלעגט אױך קענען זען פֿון אײן קראָם װאָס עס טוט זיך אין דער צװײ-טער. זיצט אַמאָל דער בשמים-קרעמער און האָט ניט װאָס צו טאָן, קוקט ער דורך אַ שפּאַלט צום שכן און זעט װי ער צײלט אָנגעלײזטע געלט און פֿאַרפּאַקט זײ אין פּעק-לעך. גאַנצע דרײַ הונדערט טאַלער האָט דער קצב הײַנט אָנגעזאַמלט. און ער, דער בשמים-קרעמער, האָט הײַנט אַזױ װײניק פֿאַרדינט. נעמט אים אָן אַ קנאה, פֿאַרדריסט עס אים און גלײַך קומט אים אַ בײזער געדאַנק אין קאָפּ אַרײַן.

און ער הײבט עס אָן צו שרײַען אױף דער גאַנצער גאַס:

— גוואַלד, גוואַלד! מען האָט מיך באַגנבעט! מען האָט ביי מיר צוגענומען דריי הונדערט טאָלער...

קומט אָן פּאָליציע. פרעגט מען דעם בשמים-קרעמער וואָסערע געלט עס איז געווען און ווי עס איז געווען פאַר-פּאַקט. זאָגט ער:

אַזוי פיל פּאַפּיר-געלט, אַזוי פיל גאָלד. ער געדענקט ריכטיק.

— פרעגט מען אים ווייטער:

— האָסטו אויף עמיצן אַ חשד? ווער, מיינסטו, האָט עס געטאָן?

און דער בשמים-קרעמער טראַכט ניט קיין סך און ער ענטפערט:

— קיינער איז דאָ ניט געווען פון אָוונט אָן, נאָך דעם ווי די קונים זיינען אַוועק. איך האָב רויק איינגעפּאַקט דאָס געלט, עס באַהאַלטן און בין אַרויס אַ ווײַלע. קיין אַנדער מענטש האָט עס ניט געקאָנט טאָן, נאָר מיין שכן, דער קצב.

האָט מען געזוכט ביים קצב, און טאַקע געפונען דריי הונדערט טאָלער, איינגעפּאַקט פּונקט ווי דער בשמים-קרעמער האָט עס דערציילט.

שווערט אָבער דער קצב מיט אַלע שבועות אין דער וועלט, אַז דאָס געלט איז זיינס, ער האָט עס היינט פאַרן טאָג געלייזט.

ווייס ניט פּאָליציע וואָס צו טאָן. שיקט מען אָפּ די צוויי קרעמער צום ריכטער פון שטאָט, ווייס ער אויך ניט

ווי צו געפינען דעם אמת, הייסט ער זיי קומען אין אַ וואָך אַרום, וועט מען דערווייל זען ווי עס איז צו געפינען אַן עצה:

— דער זאָגט: ס׳איז מיינס, און יענער זאָגט: ס׳איז מיינס, — טאָ וואָס דאַרף מען דאָ טאָן און ווי קומט מען צום אמת?

רעדט מען אין דער גאַנצער שטאָט פּראָג וועגן דעם שווערן מישפּט, און קלוגע קליגלען זיך, און נאַרישע קריגן זיך, און קיינער ווייס ניט וואָס צו טאָן.

גייט איין מאָל דער ריכטער אין אָוונט שפּאַצירן, הערט ער — יידישע קינדער שפּילן זיך. זאָגט איין קינד:

— מיר וועלן זיך איצט שפּילן אין קצב און בשמים-קרעמער און איך וועל זיין דער ריכטער.

שטעלט זיך דער אמתער ריכטער פון שטאָט אַוועק באַהאַלטן הינטער אַ בוים די קינדער זאָלן אים ניט באַמערקן און ער קוקט — וואָס וועט דאָ זיין, שטייט ער און ער זעט דאָס מישפּט-שפּיל.

עס זיצט דער יינגל-ריכטער אויף אַ שטיין, און פאַר אים שטייען די צוויי כלומרשטע קרעמער און זיי קריגן זיך:

— ס׳איז מיין געלט! דו ווילסט מיין געלט! שרייט דער קצב. און דער קרעמער שרייט:

— דו האָסט מיך באַגנבעט, צוגענומען מיין געלט!

און דער יינגל-ריכטער הערט אויס און גיט אַ זאָג:

— וווּ איז דאָס געלט?

שטעלט אַ פֿאַרשטעלטער פּאָליציאַנט אַוועק פֿאַרן ריכטער אַ טיכל מיט כּלומרשטן געלט.

— איצט זאָל מען מיר ברענגען אַ שיסל זודיק וואַסער, און מיר וועלן אַריינוואַרפֿן דאָס געלט אין וואַסער אַריין. איז דאָס געלט דעם קצבֿס, איז עס געווים פֿאַרפֿעצט מיט שמאַלץ פֿון זיינע הענט, וועלן אין הייסן וואַסער אַרויפֿשווימען שמאַלץ-פֿלעקן, אויגן. וועלן ניט זיין אַזוינע שמאַלץ-אויגן — איז עס אַ סימן אַז דאָס געלט איז דעם קרעמערס.

דער אמתער ריכטער וואָס איז געשטאַנען באַהאַלטן האָט זיך דערפֿרייט, ער איז צוגעגאַנגען צום ייִנגל, אים די האַנט געדריקט און געהייסן מאָרגן קומען אין געריכט אַריין. די ייִנגלעך האָבן ניט פֿאַרשטאַנען וואָס דאָ איז פֿאָרגעקומען, זיי האָבן זיך דערשראָקן און זיינען זיך צעלאָפֿן אַהיים.

אויף מאָרגן האָט מען געמאַכט דעם מישפּט פֿון די צוויי קרעמער. די גאַנצע שטאָט פּראָג איז געקומען הערן וואָס זייער ריכטער האָט צוגעטראַכט ווי אַזוי צו געפֿינען דעם אמת. האָט מען געבראַכט הייס וואַסער, אַריינגעוואָרפֿן דאָס געלט אין וואַסער און ווען די שמאַלץ-פֿלעקן זיינען אַרויפֿגעשוווּמען פֿון אויבן, האָט זיך דער ריכטער געשטעלט און געוויזן אַלעמען:

— זעט אַלע, אָרנטלעכע לייט פֿון פּראָג; אָט די שמאַלץ-פֿלעקן זיינען דער בעסטער עדות, אַז דאָס געלט איז דעם קצבֿס, און דער בשמים-קרעמער דאַרף באַשטראָפֿט ווערן פֿאַר וועלן צונעמען יענעמס געלט.

ווען די גאַנצע שטאָט האָט גענומען שטאַרק לויבן די חכמה פון זייער ריכטער, האָט דער ריכטער זיך גע-שטעלט, צוגערופן דעם יינגל וואָס געשטאַנען אַ דער-שראָקענער אין אַ ווינקל פון זאַל, און דער ריכטער האָט אים אויפגעהויבן פאַרן גאַנצן עולם און געזאָגט:

— די חכמה איז ניט מיינע, — ס'איז אָט דאָס קינד וואָס האָט מיך אויסגעלערנט ווי צו געפינען דעם אמת.

ווען דאָס קינד איז אויסגעוואַקסן, איז ער געווען דער גרויסער, באַרימטער רב — דער מהר"ל פון פראָג.

דוד הטלכם הײל

אין

דער אַלטער ײדישער שטאָט ווילנע זײַנען געווען ײדן וואָס פלעגן גאַנצע טעג און נעכט זיצן און לערנען און דאַוונען. ניט פאַרדינען, ניט אויסגעבן גאָרניט. נאָר זיצן אין קלויז און נאָר דאַוונען. עסן פלעגן זײ וואָס ײדן פלעגן זײ ברענגען. און שלאָפן — אויף דער זעלביקער באַנק וווּ מען פלעגט בײטאָג לערנען. צען אַזוינע ײדן פלעגן זיצן און לערנען אין קלויז פון ווילנער גאון. האָט מען זײ גערופן די עשרה בטלנים, דאָס מײנט — די צען מענטשן וואָס זײַנען מבטל, זײ האַלטן ניט פון דער גאַנ-צער וועלט, זײ טראַכטן ניט וועגן געלט — בטלנים זײַנען זײ, זײ דאַרפן גאָר ניט, זײ ווילן גאָר ניט, און נאָר געדאַוונט און נאָר געלערנט.

בײ דער זײט, אין דער צפונדיקער וואַנט פון קלויז איז געווען אײן אָרט פאַרמויערט — דאָ טאָר קײנער ניט זיצן: אויף דעם אָרט פלעגט אַמאָל זיצן דער ווילנער גאון און לערנען ווען ער האָט נאָך געלעבט. פלעגן ײדן פון

ווילנע גיין דאַווענען אין קלויז פון ווילנער גאון, און אַלע יאָר תשעה באב פלעגן יידן גיין ווייט צום אַלטן בית עולם, זיך אויסטאָן די שיך און אין זאָקן פלעגט מען גיין צום גאונס קבר — דאָרטן וויינען אויף יידישע צרות און גאָט בעטן עס זאָל שוין נעמען אַ סוף צו זיי. האָבן אויך די עשרה בטלנים געגלויבט, אַז זייער לערנען און דאַווענען וועט גיכער קומען פאַר גאָט פון גאונס קלויז. און די עלטסטע און פרומסטע צווישן די עשרה בטלנים זיינען געווען צוויי. האָט מען זיי גערופן אברהם און יצחק.

איין מאָל ביינאַכט ליגט אַזוי אברהם דער בטלן אויף דער האַרטער באַנק און ער דרעמלט. שטיל איז אין קלויז, מען הערט נאָר ווי דער אַלטער זייגער אויף דער וואַנט קלאַפט און ערגעץ הינטערן אויוון גרילצט אַ גריל. אין פענצטער שיינט אַריין די לבנה און באַלייכט די שטילע ווענט פון קלויז.

ער האָט זיך נאָר וואָס צוגעלייגט, ווייל פונקט האַלבע נאַכט, פונקט ווען דער זייגער פלעגט אָפּשלאָגן צוועלף, פלעגן זיך די יידן אויפהייבן פון זייערע געלעגערס, זיך זעצן אויף דער ערד אין אַ ווינקעלע מיט אַ קליין ליכטע-לע אין די הענט און באַוויינען און באַקלאָגן יידישע צרות. אַזוי פלעגן אויך די יידן אין גאונס קלויז אָפּריכטן חצות. און ערשט נאָכן אָפּריכטן דעם חצות, פלעגן זיי זיך צו-לייגן דרעמלען אַ ביסל.

ליגט דער אַלטער אברהם אַזוי, און די גרויסע לבנה וואָס קוקט אַריין אין פענצטער באַלייכט זיין צעקנייטשט

פּנים. און עס חלומט זיך אים, אַז דער ווילנער גאון גייט צו צו אים און ער וועקט אים:

— ר׳ אברהם! אברהם, אברהם!

ענטפערט אברהם דער בטלן אין חלום און ער זאָגט:

— הנני, אָט בין איך, אייער קנעכט טוט הערן!

— זייט וויסן, ר׳ אברהם, אַז מען טאָר ניט שלאָפן, איך טאָרט ניט שלאָפן; יידן האָבן אַזוי פיל צרות, און איך שלאָפט גאָר! קינדער אין די וויגן שלאָפן — זיי ווייסן דאָך ניט, קינדער ווייסן ניט, קינדער פילן ניט. אָבער איר דאַרפט העלפן, איר טאָרט ניט שלאָפן.

— וואָס זאָל איך טאָן? פרעגט אברהם אין שלאָף. און דער ווילנער גאון ענטפערט אים:

— זייט וויסן אַז דוד המלך, דער גרעסטער יידישער קיניג איז ניט געשטאָרבן. ער ליגט אין זיין הייל, אויף זיין בעט און ער וואַרט. איבער זיין צוקאָפּנס הענגט זיין פידל, ביי דער זייט הענגט זיין שווערד און אויף דער ערד שטייט אַ קרוג וואַסער וואָס אדם הראשון האָט נאָך געשעפּט אין גן עדן איידער גאָט האָט אים פון דאָרטן אַרויסגעטריבן. און אַלע האַלבע נאַכט ווען יידן ריכטן אָפּ חצות און וויינען אויף יידישע צרות, גיט אַ בלאָז אַ ווינטל און דוד המלכס פידעלע נעמט פון זיך אַליין שפּילן; דוד המלך כאַפּט זיך אויף פון שלאָף, הערט ער דאָס טרויעריקע שפּילן און ער גיט אַ קרעכץ, ער שטרעקט אויס זיינע הענט און ער וואַרט מען זאָל זיי אָפּגיסן מיטן גן-עדן-וואַסער, ער זאָל קענען אויפשטיין און גיין ראַטעווען זיין

פאָלק. אָבער קיינער, קיינער קומט ניט, און ער שלאָפט ווידער איין, און דער יידישער גלות ציט זיך, און די יידי־שע צרות ציען זיך אָן אַ סוף.

און דעריבער — זאָגט דער ווילנער גאון ווייטער, — נעם דיין חבר יצחקן און גייט געפינט די הייל פון דוד המלך און פונקט האַלבע נאַכט ווען דודס פידעלע וועט נעמען שפּילן און ער וועט זיינע הענט אויסשטרעקן, זאָלט איר גלייך נעמען דעם קרוג גן־עדן־וואַסער און אויף זיינע הענט אַרויפגיסן. וועט ער אויפשטיין, וועט ער זיין שווערד נעמען און — צו יידישע צרות וועט קומען אַ סוף. אָבער געדענקט: קיינער טאָר ניט וויסן, קיינער טאָר ניט הערן, וווהין איר גייט און וואָס איר גייט טאָן.

האָט אברהם זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער פאַרשטאַנען וואָס דער חלום איז, האָט ער שטיל זיין חבר אויפגעוועקט, האָבן זיי ביידע נעגל־וואַסער אָפּגעגאָסן און זיך אין וועג געלאָזט.

ב.

דרייסיק טעג און דרייסיק נעכט — אַלץ זיי גייען. יידן זיינען אומעטום פאַראַנען, און אומעטום גיט מען אָרעמע דורכגייער אָפּצועסן און אין דרויסן שלאָפן לאָזט מען זיי אויך ניט. אָבער אַט זיינען זיי שוין דערגאַנגען צו אַזוי־נע לענדער וווּ קיין מענטשן ווינען נישט, וווּ קיין הענער קרייען נישט, און קיין וועגן גייען נישט. גייען אַזוי אברהם און יצחק. איבער באַרג און טאָל גייען זיי, איבער טייך

און טייכל שפּרייזן זיי. אָבער גיי ווייס ווו איז דוד המלכס הייל! זעען זיי א טויב שטייט אויף א שטיין און זי וואר-קעט.
זאָגן אברהם און יצחק צו דער טויב:



— א גרוס און א לויב
צו דיר, טייבעלע-טויב!
פלי אונדז פאָרויס און פאָרויס,
ווייז אונדז דעם וועג צו דודס הויז.
און אז דו וועסט קומען אַהין, ליב פייגעלע
זאָלסטו אָנקלאפּן אין שייבעלע, —
וועלן מיר שוין האָבן דעם גוטן סימן, אז מיר וועלן אין
אונדזער וועג הצלחה האָבן.

ענטפערט זיי דאָס טייבעלע:

—ניין גוטע אלטע, קיין גוטס קען איך אייך נישט ווייזן. זינט איך בין אַרויסגעפלויגן פון נוחס קאַסטן, ווי איר האָט, ווי אלע קינדער אין חומש געלערנט, פלי איך נאָך אלץ ארום און איך האָב אלץ נישט געפונען קיין אָפּרו פאר מיין פוס, ווי אין חומש שטייט. דער מבול פון וואסער איז שוין טאַקע לאַנג טרוקן געוואָרן, אָבער דער שלעכטער קין האָט א סך קינדער געהאט און זיי זיינען אזוי פיל אויף דער ערד, מאכן זיי אן אנדער מבול: מענטשן שלאָגן זיך, פארגיסן זיי בלוט; מענטש וויינען, פארגיסן זיי טרערן, ווערט פון בלוט און פון טרערן א מבול אויף דער וועלט, און דער מבול ווערט קיין מאָל נישט טרוקן. ווייס איך גאָרנישט קיין גוטס אויף דער וועלט. גייט , ליבע יידן, — לאָזט מיר וואָרקען און לאָזט מיר ברומען. גייט צום טייך צום גרויסן. ער טראָגט זיינע וואַסערן פון ווייטע ערטער, — אפשר האָבן זיינע וואסערן ערגעץ ווו געזען דוד המלכס הייל.

גייען אברהם און יצחק זיבן טעג און זיבן נעכט, און זיי קומען אָן צום טייך צום גרויסן.

— גוט מאָרגן, טייכעלע-טייך,
מיט וואסער ביסטו רייך,
פון אלע ווינקעלעך דאָס ברענגסטו,
טאָ זאָג אונדז, אפשר ווייסטו,
ווו געפינט זיך די הייל פון דוד דעם יידישן מלך?

נעמט דאָס וואסער אין טייך רוישן-שטראָמען
און דער טייך נעמט ברומען:
— גייט ווייטער, גייט,
דאָ לעבן מיר נישט שטייט!

אין מיינע קלאָרע וואסערן איז א סך בלוט אריינגעפלאָסן. א וואָלף האָט דאָ נישט לאנג א ציגעלע פארצוקט, א ווייס ציגעלע, האָט דאָס בלוט זיינס אין מיינע וואַסערן אַריינגערונען, — טאָ ווי זאָל איך ווּיסן אייך גוטס צו דערציילן? גייט דאָרטן צום בארג גייט, ער איז העכער פון אלעמען, ער זעט אלץ, ער ווייסט אלץ.

ג.

זיינען אברהם און יצחק נאָך זיבן טעג און זיבן נעכט געגאנגען, און זיי זיינען געקומען צום בארג דעם הויכן. און איידער זיי זיינען צום בארג דערגאנגען, באגעגנט זיי אַן אַלטער הויכער מאַן. האָר — ווי זילבער, באָרד און ברעמען — ווי דער שניי אויף די בערג און דער אלטער מאַן נעמט מיט צוויי לאנגע פינגער און הייבט אויף זיינע

ווייסע ברעמען, גיט ער א קוק אויף די צוויי גייערס, שמייכלט ער צו זיי:

— א גאָט העלף אייך, גייערס! גייט ווייטער אייער וועג. גראד פאר זיך זאָלט איר גיין, נישט אויף רעכט און נישט אויף לינקס זאָלט איר נישט קוקן...

ווילן זיי אים עפּעס פרעגן, גיט אָבער דער אַלטער שוין א בייזן מאַך מיט דער האַנט:

— גאָרנישט נישט געערדט, גאָרנישט נישט געפרעגט! אפילו צווישן זיך זאָלט איר נישט ריידן, מיט די ליפּן זאָלט איר תהילים זאָגן און אין די הערצער זאָלט איר גאָט בעטן ביז איר וועט קומען צו א שטיין, זאָלט איר דאָרטן בלייבן שטיין און וואַרטן ביז דריי ווינטן וועלן בלאָזן און שטורעמען, ביז דריי דונערן וועלן דונערן, ביז דריי פייערן וועלן פון דער ערד אַרויספלאַמען. און איר זאָלט רויק שטיין און איבערוואַרטן. און אַז נאָך דעם שטורעם וועט איר דערהערן א דינעם שטילן קול, זאָלט איר א ברכה מאַכן און דעם שטיין אָוועקקייקלען און אין הייל אַריינגיין. זאָלט איר אין פאָדער-צימער בלייבן שטיין, איטלעכער אין אַן אַנדער ווינקל, און אין האַרצן זאָלט איר די גאַנצע צייט גאָט בעטן. און אַזוי ביז האַלבער נאַכט ווען יידן ריכטן אָפּ חצות און אַז איר וועט דערהערן

א ווינטעלע בלאָזט,
דודס פידעלע שפּילט,
דוד המלך גיט א קרעכץ, —

זאָלט איר אויף גיך אַריינגיין, אויף קיין זאַך נישט קוקן, דעם קרוג וואַסער נעמען און אויף דודס הענט אויסגיסן.

ד.

האָבן אַברהם און יצחק די גייערס די אַלטע טאַקע אַזוי געטאָן: זיינען זיי געגאַנגען אַלץ פאָרויס און פאָרויס, אויף לינקס און אויף רעכטס נישט געקוקט, צווישן זיך נישט

געריערדט, נאָר מיט די ליפּן תהילים געזאָגט און אין די הערצער גאָט געבעטן.

זיינען זיי אַזוי געגאַנגען דריי נעכט און דריי טעג, און זיי זיינען געקומען צו אַ שטיין. און דער שטיין איז געווען הויך ווי די כמארע און לאַנג ווי דער גלות און ברייט ווי דער ים. זיינען אברהם און יצחק שטיין געבליבן. שטייען זיי און זיי וואַרטן. וואַרטן, וואַרטן און זיך דערוואַרט!

עס איז געוואָרן שוין פאַרנאַכט, פינצטערלעך. און עס האָט עפּעס ווי פון אונטער זייערע פיס גענומען קלאַפּן, און אַ שטיק שטיין האָט זיך געעפנט, און פון דער לאָך האָט זיך אַ ווינט אַרויסגעריסן און גענומען לויפן, און בלאָזן און שטורעמען ווי ער וואָלט עפּעס געשריי-ען, דער ווינט, — נאָר וואָס דער ווינט האָט געשריען האָבן זיי נישט געוווסט, נישט פאַרשטאַנען.

און אַז דער ערשטער ווינט איז איינגעשטילט געוואָרן, האָט פון דער ערד זיך אַרויסגעריסן אַ צווייטער ווינט נאָך אַ שטאַרקערער און נאָך אַ בייזערער. האָט ער גענומען דרייען און ווייען, האָט ער שטיקער שטיין ווי די הייזער די גרייס געהויבן און זיי איינעם אָן צווייטן געריבן און אויף שטויב זיי צעריבן. און גערוישט און געשטורעמט האָט דער ווינט, און אברהם און יצחק האָבן שוין אין שטורעם געקאָנט הערן ווי דער ווינט האָט געוויינט און געשריען. אויף לשון קודש האָט דער ווינט געשריען און מיר זעצן עס איבער אויף יידיש. האָט דער ווינט אַזוי גע-שריען:

— ווי איז מיר וואָס איך האָב מיינע קינדער פאַרטרי-

בן, זייער היים פארברענט, זיי אין גלות פארטריבן...

האָבן אברהם און יצחק פאָרן וויינען און פאָרן וואָיען פון ווינט זיך דערשראָקן, זיינען זיי קוים אויף זייערע פיס איינגעשטאנען פון שרעק און פון ציטערן. האָבן זיי אָבער מיט די ליפּן אין דער שטיל תהילים געזאָגט און זיי זיינען איינגעשטאַנען.

און נאָך דעם איז געקומען דער דריטער ווינט. האָט ער א ברום געטאָן ווי טויזנט לייבן, האָט ער א שטורעם געטאָן ווי טויזנט ימים, — האָבן פעלדז און בארג זיך דערשראָקן און ציטערן גענומען, און אין שטורעם און אין יאָמער פון ווינט האָבן אברהם און יצחק דייטלעך געהערט:

— ווײ און ווינד, — ווו איז מיין קינד!

און דער הימל איז שווארץ געוואָרן ווי טינט, און די ערד האָט געציטערט ווי א דערשראָקענע. און פון שווארצן הימל האָט עס גענומען דונערן, דריי דונערן איינער נאָכן אַנדערן, אָבער אַזוינע שטאַרקע, אַז מען האָט זיי געקאָנט הערן פון איין עק וועלט ביז דעם צווייטן. און פייערדיקע בליצן האָבן זיך אין דער פינצטערניש צעבליצט, האָבן זיי ווי מיט א פייער די גאנצע וועלט ארומגענומען, און

מיט איין מאָל — שא, שטיל, אן אויסגעשטערנטער הימל איבער זיי און א שטיל, קיל ווינטעלע בלאָזט אויף זיי, אָט ווי אַ מאַמע פאַרוויגט איר קינד זאָגט עס צו זיי פון ווינט ארוים:

— שרעקט זיך נישט, גייט, מען וואַרט אויף אייך, טוט וואָס איר דאַרפט און זייט געבענטשט.

האָבן אברהם און יצחק פאַרשטאַנען אַז עס איז האַל־
בע נאַכט, האָט זיך זיי אויסגעדאַכט ווי אַרום זיי וואָלטן
אַ סך, אַ סך ייִדן געזעסן און אָפּגעריכט חצות, און זיי האָבן
דערהערט ווי אַלע ייִדן וויינען און קלאָגן אויף ייִדישע
צרות. זיינען זיי צום שטיין צוגעגאַנגען, האָבן זיי זיך אָנ־
גענומען מיט כּוח און זייערע הערצער ווי שטיינער גע־
שטאַרקט און גענומען אין שטיין אַ טיר זוכן, אַן אַריינ־
גאַנג אין הייל. האָבן זיי נישט געפונען. האָבן זיי זיך אַנט־
קעגן שטיין געשטעלט און אַזוי געזאָגט:

— שטיינער פאַרמאַכטע זאָלן זיך עפענען,
ווען פאַרהוילטע זאָלן אַנטפּלעקט ווערן,
ווענט פאַרשטעלטע זאָלן זיך פאַנאַנדעררוקן,
און מיר לאָמיר גיין, לאָמיר גיין דוד דעם ייִדישן מלך
פון זיין שלאָף אויפוועקן!

און עס איז געווען ווי זיי האָבן דאָס נאָר אָפּגעזאָגט,
האָט זיך אין שטיין אַ טיר געעפנט, זיי זיינען אין הייל
אַריין און גלייך דערהערט ווי דוד המלכס פידעלע האָט
גענומען שפּילן. האָבן ביי אברהם און ביי יצחקן די הער־
צער גענומען קלאַפּן ווי די האַמערס.

זיי זיינען אויף גיך אַריינגעלאָפן, דעם קרוג וואַסער
געוואָלט נעמען, — אָבער דאָ האָט זיי אין די אויגן אַ
גלאַנץ געטאָן אַ גרויסער דימענט אין דוד המלכס קרוין,
האָבן זיי זיך אויף דעם דימענט פאַרקוקט, פאַרטראַכט,
— און פאַרשפּעטיקט: דוד המלך האָט אַ צווייטן קרעכץ
געטאָן, די אויסגעשטרעקטע הענט איינגעצויגן, און ווי־
דער איינגעשלאָפן. אברהם און יצחק האָבן זיך אַ כאַפּ
געטאָן, — אָבער עס איז שוין שפּעט געווען.

און פון דאַן אָן זיצן אברהם און יצחק אויף אַ שטיין
און זיי וויינען אַ גרויס געוויין.

דער שלאָף

איינס, צוויי, דריי, פיר,
קינדער קלאַפּן אין מיין טיר.

— קינדער גוטע קומט אַריין,
וועט איר גוטע געסט דאָ זיין.

און ביי מיר אין קליינעם הויז
אין אַ רעדל זעצט זיך אויס.

זיצט און שווייגט און ביזקל סוף
הערט אַ מעשהלע פון שלאָף:

אַז דער ליבער טאָג פאַרגייט,
און אין מערב זייט ווערט רויט,

און די זון אין פייער פלאַם
שלאָפן גייט אין וויטן ים —

דעמאָלט, ערגעץ פון דער ערד
ניט געזען און ניט געהערט,

קומט דער אָוונט שטיל אַרויס
און גייט אום גאַס איין גאַס אויס.

איז נאָר ווי און וווּ ער גייט
ווערט אַ פינצטערניש פאַרשפּרייט.

און אַז קינדער גאָר נאָך קליין
שרעקן זיך צו זיין אַליין,

און מען זעט ניט וואָס צו טאָן,
צינדט מען באַלד די לאָמפּן אָן.

לייכט אַ לאָמפּ אין יעדן הויז.
זעצן זיך די קינדער אויס

אַרום טיש, און רעדן ניט.
עסן, טרינקען וואָס מען גיט.

און אַ זייגער אויף אַ וואַנט
ציילט זיך טיק־טאַק נאָך אַנאַנד.

און אַז קינדער עסן נאָך —
מאַכט דער שלאָף דערווייל אַ לאָך

ערגעץ אונטער בעט אין דיל,
שאַרט פון לאָך זיך שטיל, שטיל, שטיל.

זעט ער, קינדער עסן נאָך —
קריכט צוריק אַריין אין לאָך.

זעט ער, קינדער עסן אָפּ,
עסן אָפּ, און טרינקען אָפּ,

קריכט דער שלאָף פון לאָך אַרויס,
שאַרט זיך ביי די ווענט פון הויז,

קריכט אין שיין פון לאָמפּ אַריין,
רוימט פון שיין צו מאַמעס איין:

„האָט איר קינדער קליין און שיין,
איז שוין צייט זיי שלאָפן גיין.״

זעען מאַמעס אַז ס׳איז שפּעט.
נעמט מען אויסבעטן דאָס בעט,

און די קינדער גוט און פיין
לייגן זיך אין בעט אַריין.

מאַכן זיי די אייגעלעך צו,
שלאָפן איין אין גוטער רו.

און אַ זייגער אויף אַ וואַנט
ציילט זיך טיק־טאַק נאָך אַנאַנד.

און אַז קינדער שלאָפן איין,
קריכט דער שלאָף צוריק אַריין

אונטער בעט אין לאָך פון דיל,
און ער ליגט דאָרט שטיל, שטיל, שטיל.

און אַ זייגער אויף אַ וואַנט
ציילט זיך טיק־טאַק נאָך אַנאַנד.

ליגט דער שלאָף אין לאָך אַזוי,
ליגט אַ שעה און ליגט זיך צוויי.

און אַז מאַמעס ווערן מיד,
גייען אום מיט מידע טריט.

האָבן אַלץ שוין אָפּגעטאָן —
און די האַלבע נאַכט קומט אָן —

און אין פענצטער מיט איר שיין
די לבנה קוקט אַריין —

קריכט דער שלאָף פֿון לאָך אַרויס,
שאַרט זיך ביי די ווענט פֿון הויז,

קריכט אין שיין פֿון לאָמפּ אַריין,
רוימט פֿון שיין צו מאַמעס איין:

„דאַרפֿט איר מאָרגן אויפֿצושטיין,
צייט שוין איצטער שלאָפֿן גיין.״

ווען מאַמעס אַז ס׳איז שפּעט,
לייגן זיך אַריין אין בעט,

לעשן זיי די לאָמפּן אויס.
און אַז פֿינצטער ווערט אין הויז

מאַכן זיי די אויגן צו,
שלאָפֿן איין אין גוטער רו.

און אַז מאַמעס שלאָפֿן איין —
קריכט דער שלאָף צוריק אַריין

אונטער בעט, אין לאָך פֿון דיל,
און ער ליגט דאָרט שטיל, שטיל, שטיל.

און אַ זייגער אויף אַ וואַנט
ציילט זיך טיק-טאַק נאָך אַנאַנד.

און אין פֿענצטער מיט איר שיין
די לבֿנה קוקט אַריין.

און מיין מעשהלע פֿון שלאָף
איז שוין איצטער ביי איר סוף.

שלמה המלכס טאָכטער

שלמה

המלך איז געווען קליגער פאַר אַלע מענטשן, שענער פאַר אַלע מאַנצבילן, שטאַרקער פאַר אַלע גיבו-רים, רייכער פון אַלע מלכים. זיינע אוצרות זיינען געפּאַקט געווען מיט זילבער, גאָלד און בריליאַנטן. זיינע שטאַלן — פול מיט די בעסטע פערד פון מצרים. פעלקער פון ווייטן און פון נאָנטן האָבן צו אים געטראָגן מתנות. חיות פון די וועלדער און פייגל פון אונטערן הימל זיינען אים געווען אונטערטעניק. ארץ-ישראל האָט ער באַפּוצט מיט שלעסער און מיט פּאַלאַצן פון מירמל-שטיינער און פון צעדערביימער, און אַ בית-המקדש האָט ער אויסגעבויט אין ירושלים פון גאָלד און פון העלפאַנד-ביין. און זין אַ סך האָט ער געהאַט, אַלע גוטע און שיינע, אַלע גיבורים, חכמים. און ליב האָט אים געהאַט דאָס פאָלק, און שלום איז געווען צווישן אים מיט די אַרומיקע שכנים, די מלכים. קיין זאַך האָט שלמהן נישט געפעלט. און ער וואָלט נישט געהאַט מער פון גאָט צו פאַרלאַנגען, ווען זיינע ווייבער וואָלטן אים אַ טאָכטער געבוירן.

ב.

איז די שמחה זייער גרויס געווען, ווען עס זיינען גע־קומען די פרויען, די דינסטן און האָבן שלמהן געבראַכט די בשורה, אַז ביי זיין ליבסטער מלכה איז אַ טאָכטער גע־בוירן געוואָרן.

שלמה האָט גלייך געהייסן פיל אָקסן און לעמער ברענגען פאַר קרבנות אויפן מזבח, פיל צדקה צעטיילן פאַר די אָרעמעלייט פון ירושלים און גרויסע מאָלצייטן מאַכן פאַר אַלע הערן און פאַר אַלע קנעכט פון די קיניג־לעכע פּאַלאַצן. גאַנצענע טעג האָט מען אויף די גאַסן געשפּילט מוזיק, און ביי דער נאַכט איז די גאַנצע שטאָט געווען באַלויכטן מיט פייערן.

און שלמה איז געזעסן אין טראָנזאַל אויף זיין גאָלדע־נעם שטול, און האָט פון אַלע שטאָטלייט מזל־טוב אויפ־גענומען, און מיט אַלעמען פריינדלעך גערעדט, און אַלע־מען מיט ליבשאַפט אויסגעהערט, און אַלעמענס בקשות צוגעזאָגט צו דערפילן. און שפּעט אין דער נאַכט, ווען דער עולם איז זיך צעגאַנגען אַהיים שלאָפן, האָט ער זיך געזעצט לעבן דער קינפּעטאָרין, גענומען דאָס נייגעבוי־רענע טעכטערל אויף אַ זיידן קישעלע אויף די קני, האָט געקוקט דערויף מיט גרויס פאַרגעניגן און געטראַכט וועגן דעם, ווי דאָס עופעלע וועט אויסוואַקסן, און ער וועט

פֿאַר איר אַראָפּנעמען אַ מאַן — דעם שענסטן און דעם שטאַרקסטן און דעם רייכסטן פֿון די מלכים.

ז׳

זיצט אַזוי שלמה פאַרטראַכט אין גליקלעכע געדאַנ-קען, און פּלוצלונג דערהערט ער, ווי צוויי מייזלעך שמו-עסן צווישן זיך אונטער דער בעט ביי דער קינפּעטאָרין. און שלמה המלך האָט פאַרשטאַנען די שפּראַך פון אַלע חיות און עופות. הערט ער, ווי איין מויז, די עלטערע, די מאַמע זאָגט צו דער יינגערער, צו דער טאָכטער, מיט אַ געלעכטער:

— כאַ כאַ-כאַ! דער קיניג מאַכט מאָלצייטן, ס׳זיינען די קיכן פול מיט עסנוואַרג, די עסצימערן — מיט ברעקלעך, וואָס פאַלן פון די טישן. האָבן מייזלעך, וואָס צו עסן. אומ-זיסט חלומט ער אַזעלכע חלומות מיט דעם טעכטערל אויף די קני.

פרעגט די יונגע מויז, די טאָכטער:

— וואָס-זשע חלומט דער קיניג?

ענטפערט די עלטערע מויז:

— ער חלומט, אַז ער וועט פאַר דעם טעכטערל אַראָפּ-נעמען אַ מאַן — דעם שענסטן און דעם רייכסטן פון אַלע מלכים, וואָס אין מיזרח און אין מערב. און ער ווייס ניט, אַז זיין איידעם וועט זיין דער גרעסטער אָרעמאַן אין גאַנצן לאַנד כנען, אַ פּשוטער בעטלער-זון.

האָבן זיךביידע מייזלעך פונאַנדערגעלאַכט. און שלמה איז גריילעך אין כעס געוואָרן און האָט זיי פאַר-טריבן אין זייערע לעכער אַריין.

ד.

שלמה המלך איז שוין יענע נאַכט ניט געשלאָפֿן און אויך אַ סך נעכט נאָך דעם. די גאַנצע שימחה איז פֿאַרשטערט געוואָרן. די געסט זיינען זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען און די מוזיק אין די גאַסן איז אַנטשטומט געוואָרן, ווייל שלמה איז אַרומגעגאַנגען אַ טרויעריקער און אַ פֿאַרצאָרנטער. אים איז זייער ניט אָנגעשטאַנען וואָס זיין איידעם וועט זיין אַ פּשוטער מענטש, און לא־די וואָס אַ פּשוטער מענטש, וועט ער נאָך זיין אַ בעטלערס אַ זון.

ער האָט געטראַכט אין צאָרן:

— זיי זאָגן ליגן, די מיאוסע באַשעפֿענישן, די קליינע שרצים. פֿון וואַנען ווייסן זיי? זיי האָבן גלאַט אַזוי זיך געפּלוידערט. זיי האָבן מיך געוואָלט רייצן. איך וועל אויף זיי אָנשיקן די פֿלינקע קעץ, און זיי וועלן אַלע מייז אין גאַנצן לאַנד אויסראָטן.

נאָר צוריק פֿלעגט ער אַ טראַכט טאָן:

— און טאָמער זאָגן זיי פֿאָרט אמת?

איז שלמה אַרומגעגאַנגען גאַנצענע טעג אַן אומצופֿרידענער. און ביי דער נאַכט האָט ער ניט געקאָנט אַנטשלאָפֿן ווערן. ער פֿלעגט נעמען דאָס קליינע טעכטערל אויף די הענט און קוקן דערויף מיט גרויס צער און טראַכטן:

— ווי פֿאַרהיט מען דיך, מיין טייערע טאָכטער, פֿון דעם אומגליק? ווי פֿאַרהיט איך דיך, דו זאָלסט ניט אַריינפֿאַלן צו דעם בעטלער אין די הענט?

ה.

און שלמה האָט מיט זיין גרויסער חכמה עפּעס צו־געטראַכט.

ער האָט אויסגעזוכט צווישן די בערג און צווישן די אָפּגרונטן אַזאַ אָרט, וואָס קיין לעבעדיקער מענטש קאָן אַהין ניט צוקומען. ער האָט צונויפגעטריבן קנעכט פון גאַנצן לאַנד און מייסטערס פון צור און צידון און פון אַלע אַנדערע לענדער. און מען האָט אויסגעבויט איבער די אָפּגרונטן בריקן צו די הויכע פעלזן. און אויף דעם העכסטן פון די שפּיצן און צווישן די טיפסטע פון די אָפּגרונטן האָט מען אויסגעבויט אַ שלאָס מיט אַ הויכן טורעם מיט אייזערנע טויערן. און מען האָט אַהין אָנגעבראַכט שאָף און רינדער און עופות. און מען האָט אַהינצו אָנגעפירט מעל און גרויפּן און פּירות. און אָנגעפילט די קעלערס מיט בוימל און מיט וויין, אַז עס זאָל קלעקן פאַר אַ סך מענטשן אויף אַ פולע, אַ פולע יאָרן, צו לעבן אין רחבות און קיין זאַך זאָל ניט פעלן.

און אין דעם דאָזיקן שלאָס האָט שלמה געבראַכט זיין טעכטערל מיט איר אַם און מיט אירע דינסטן, און האָט זיי דאָרט געלאָזן. די טויערן פאַרשלאָסן, דעם שליסל צו זיך גענומען, און ביי זיך פאַרשלאָסן אין אַן אייזערנעם קאַסטן; און אַלע בריקן, וואָס פירן צום שלאָס, געהייסן פאַרברענען און חרוב מאַכן. און אויף אַלע זייטן אַרום און אַרום אין די בערג און אויף די ברעגן פון די אָפּגרונטן — אויסגעשטעלט באַוואָפנטע שומרים, זיי זאָלן היטן, אַז

קיין מענטש זאָל זיך ניט דערוועגן נאָנט צוצוגיין, ביז ער, שלמה המלך אַליין, וועט ניט קומען, ווען די טאָכ-טער וועט אַכצן יאָר אַלט ווערן, מיט דעם חתן, וואָס ער וועט פאַר איר אויסדערוויילן — פון די רייכסטע און שטאַרקסטע צווישן די מלכים אויף מיזרח און מערב.

אַזוי האָט שלמה המלך גערעכנט צו פאַרהיטן זיין טאָכטער פון אַ בעטלער אַ מאַן, אין פאַל אויב די מייז-לעך האָבן אמת געזאָגט.

ז.

אַזוי איז שלמהס בת-מלכה געוואַקסן אָפּגעהיט און אָפּגעזונדערט פון דער גאַנצער וועלט, אַז קיין פרעמד אויג זאָל ניט קענען אויף איר קיין בליק טאָן, און זי זאָל אויף קיין פרעמדן מאַן קיין אויג ניט קענען אויפהייבן. די שטאַלן, די קעלערס און די שפּייכלערס זיינען מיט כל-טוב פול געווען. און די דינסטן זיינען אַלע געווען יונגע און פריילעכע. און די בת-מלכה זייערע האָבן זיי שטאַרק ליב געהאַט און וועגן איר געזאָרגט און זי געהיט, ווי דאָס אויג אין קאָפּ, און ניט געלאָזן איר אומעטיק זיין און בענ-קען. און שטענדיק איז געווען שמחה וששון אין שלאָס אויף די בערג. טענץ און שפּילן און געלעכטערן און מאָל-ציימן.

און אַז די טענץ און שפּילן און די געלעכטערן און מאָלציימן פלעגן דערעסן ווערן, פלעגט די יונגע בת-מלכה אַרויפגיין אויפן דאַך פון שלאָס און פון הויכן טו-רעם קוקן אין דער וייטן. און אַריבער די בערג און אַרי-

בער די טאָלן האָבן זיך געצויגן ברייטע פעלדער מיט גרינע וועלדער, מיט בליענדיקע וויינגערטנער, ווייט-ווייט ביזן סאַמע ברעג פון ים. און דאָרטן — ביז דעם שיינענ-דיקן ים מיט די הויכע כוואַליעס ביזן בלויען הימל און ביזן עק וועלט.

דעמאָלט פלעגט די בת-מלכה אָפּטמאָל אָנהייבן בענקען. זי האָט אַליין ניט געוווּסט, נאָך וואָס און נאָך וועמען.

אַזוי זיינען געגאַנגען יאָרן נאָך יאָרן. שלמה המלך האָט שוין פונאַנדערגעשיקט שלוחים איבער אַלע מדינות פון מיזרח און פון מערב אויסצוזוכן אַ פּאַסיקן בן-מלך פאַר אַן איידעם.

ז.

איז אויף איינעם פון די וועגן אין כּנען געגאַנגען אַן אַלטער בעטלער מיט זיין יונגן זון פון איין דאָרף אין אַ צווייטן נדבות קלייבן. און דער וועג איז געווען אַ שווע-רער. הויכע בערג און טיפע טאָלן האָבן אים איבערגע-שניטן, און שאַרפע שטיינער האָבן אים איינגעדעקט. און אַ טרוקענער שטויב איז איבער אים געהאַנגען. און קיין שאָטן פון קיין געוויקס איז אַרום ניט געווען, און די זון האָט געברענט, ווי אַן אָנגעגליטער אויוון.

ביי דעם אַלטן בעטלער און ביי זיין זון זיינען די פיס געווען צעבלוטיקט פון די שטיינער, און די ליפּן צע-שפּאָלטן פון שטויב און פון היץ און דער הונגער האָט זיי גריילעך געפּייניקט, און די כּוחות זיינען זיי אויסגעגאַנגען פון וואַנדערן.

זאָגט דער אַלטער בעטלער צו זיין זון:

— איך קען מער ניט גיין אין וועג. מיינע כוחות גייען מיר אויס. געקומען די צייט מיינע, איך זאָל אַוועק צו מיינע עלטערן.

און ער האָט זיך געלייגט אויף דער ערד אין שטויב, צוגעמאַכט די אויגן, געטאָן אַ זיפץ און די נשמה אַרויסגעלאָזן.

ח.

דער יונגער זון האָט אָן אַ זייט ביים וועג מיט אַ שאַרפן שטיין אַ גרוב געמאַכט, דעם אַלטן טאַטן באַגראָבן, פאַרשאָטן, אַ שטיין אויפן קבר אויפגעשטעלט, אַז פאַרבייגייער זאָלן פאַר זיין נשמה גאָט בעטן, און ווער עס האָט גוטסקייט אין האַרצן, זאָל דאָ אַ בוים פאַרפלאַנצן.

און ער האָט זיך געזעצט ביים קבר אויפן שטיין און געטראַכט:

— וואָס זאָל איך איצט טאָן, איך, איינזאַמער און עלנטער אויף דער גאָרער וועלט? וווהין זאָל איך גיין אַז איך האָב ניט קיין היים און קיין קרוב און קיין נפש, וואָס זאָל פאַר מיר זאָרגן און מיך ליב האָבן? און אויך, וואָס זאָל איך נאָך האָפן, אַז איך בין אין אַזאַ ביטערן מזל געבוירן געוואָרן? און וואָס זאָל איך טאָן, אַז מיינע כוחות זיינען מיר אַזוי שוואַך געוואָרן?

טראַכט ער נאָך:

— סיידן אויסגראָבן אַ צווייטע גרוב לעבן מיין טאַטנס און לייגן זיך און שטאַרבן, ווי ער.

טוט ער אַזוי. וויקלט זיך איין אין די אַלטע שמאַטעס, וואָס ער האָט געהאַט, און אין דעם טאַטנס טאָרבעס, וואָס זיינען אים געבליבן ירושה, און לייגט זיך אַריין אין דער צווייטער גרוב, וואָס ער האָט אויסגעגראָבן. ליגט ער און וואַרט, דער טויט זאָל קומען און מיט זיין טאַטן אים באַהעפטן; ליגט ער אַזוי אַ טרויעריקער, ביז ער ווערט אַנטשלאָפן.

ט.

און ווי ער ליגט דאָ אַזוי אין שווערן טרייסטלאָזן שלאָף פאַרזונקען, קומט אָן פון דער ווייטן אַן אָדלער צופליען. דער שאָטן פון זיינע שטאַרקע פליגלען האָט פאַרדעקט דעם גאַנצן וועג און נאָך מער. און מיט די שאַרפע אויגן זיינע קוקט ער אַראָפּ צו דער ערד, און זוכט רויב פאַר זיך און פאַר זיינע קינדער. זעט ער: אין גרוב ליגט דער יונגער זון דעם בעטלערס, הייבט ער אָן צו קרייזן איבער אים אין דער לופטן, און זיינע קרייזן ווערן אַלץ שמעלער און שמעלער, און נידעריקער און נידעריקער; און דע־מאָלט טוט ער אַ פאַל אַראָפּ אויפן בחור, ווי אַ שטיין, טשעפעט זיך איין מיט די אייזערנע נעגל אין די שמאַטעס און אין די טאָרבעס, וואָס דער בחור איז אין זיי געווען פאַרוויקלט; טוט זיך אַ הייב מיט אים אין דער לופטן,

און פליט מיט אים אַוועק איבער די בערג און איבער די
טאָלן און איבער די טיפע אָפּגרונטן און איבער די שאַר-

פע פעלדזנשפּיצן אַהין, ווו זיין נעסט איז, און ווו זיין אָד־לערטע מיט די קינדער וואַרטן אויף זיין רויב.

ליגט אים דער וועג איבער דעם אָרט, ווו עס געפינט זיך דער שלאָס, וואָס שלמה המלך האָט געלאָזט אויס־בויען פאַר זיין טאָכטער, די יונגע בת־מלכה.

און ווי עס פליט אַזוי דער אָדלער איבער דעם וווג־דערלעכן טורעם, אַזוי בינדן זיך פונאַנדער די שמאַטעס און די טאָרבעס, וואָס דער בחור איז אין זיי פאַרוויקלט, און דער בחור גליטשט זיך אַרויס און פאַלט אַראָפּ אויפן דאַך פון טורעם צו די פיס פון שלמהס בת־מלכה.

י.

אַ גרויסער טומל איז געוואָרן אין שלאָס, ווי דער בחור איז אַראָפּגעפאַלן. ער איז געווען אַ געחלשטער, און מען האָט אים אָפּגעמינטערט און אויסגעוואַשן, און אין אַ בעט אַריינגעלייגט, און אָנגעוואַרעמט, און עסן געגעבן, און טרינקען געגעבן, ביז ער איז צו זיך געקומען.

די יונגע בת־מלכה איז פון אים ניט אָפּגעטראָטן, האָט אים געהיט זיין עסן און זיין טרינקען, זיין שלאָפן און זיין וואַכן, ביז ער איז געזונט געוואָרן. און אַז ער איז געזונט געוואָרן, האָט זי אים געטרייסט אין זיין איינזאַמ־קייט און געטריבן זיין אומעט מיט אירע לידער און מיט איר טענץ און מיט אירע שפּילן, ביז ער איז מונטער גע־וואָרן און אַלע זיינע פריערדיקע פּיינען פאַרגעסן.

און דעמאָלט איז שוין צו דער בת-מלכה קיין מאָל קיין בענקשאַפט אין האַרצן ניט געקומען. אַז עס פּלעגן דערעסן די שפּילן און די געזאַנגען און די מאָלצייטן אין שלאָס, פּלעגט זי אַרויס אויפן דאַך פון טורעם צוזאַמען מיט בחור און זיי האָבן ביידע געקוקט אין די שיינע ווייטן און צוזאַמען פאַרגעניגן געהאַט. און איינמאָל האָבן זיי זיך אַזוי שטייענדיק אויפן דאַך דאָס וואָרט געגעבן, איינע די אַנדערע צו ליבן, און מאַן און ווייב צו ווערן, און אויף אייביקער געטריישאַפט זיך געשוואָרן.

יא.

און שלמה המלך האָט אין זיסע טרוימען וועגן דעם גליק פון זיין געליבטער טאָכטער מיט אומגעדולד געוואַרט, ווען זי וועט אַכצן יאָר ווערן, און ער וועט זי פון איר שלאָס אַרויסנעמען און צו דער חופה פירן מיט אַ געהויבענעם בן-מלך.

און אַז די דאָזיקע גליקלעכע צייט איז געקומען, האָט ער ווידער צונויפגעטריבן קנעכט פון גאַנצן לאַנד און מייסטערס פון אַלע לענדער; און מען האָט צוריק די בריקן אויפגעבויט, און שלמה האָט דעם שליסל פון אייזערנעם קאַסטן אַרויסגענומען, און מיט די שענסטע האַרן זיינע און מיט זינגער און טענצערינס און מוזיקאַנטן זיך צום שלאָס אַוועקגעלאָזן, און די טויערן אויפגעעפנט מיט גרויס שמחה און מיט גרויס פּאַראַד.

און באַגעגנט אים האָט די טאָכטער זיינע מיט דעם בעטלער-זון געאַרעמט.

און ניט מיט דעם בן-מלך, וואָס ער האָט פאַר איר צוגעגרייט, נאָר מיט דעם בעטלער-זון, וואָס זי האָט ליב געהאַט, האָט שלמה די טאָכטער זיינע צו דער חופה געפירט.

רבה בר בר חנה דערציילט

עס

איז שבת צו נאַכט אין אַלטן בית-מדרש. מען דאַרף באַלד דאַוונען אַ וואָכעדיקן מעריב — דער שבת גייט אַוועק, און עס קומט אָן די וואָך. מען וואַרט נאָך אָבער אַז די ערשטע שטערן זאָלן זיך באַווייזן אויפן הימל, אַ סימן אַז דער ליבער שבת גייט אַהין. זיצן יידן אין דער פינצטער פון דער שול און מען שמועסט — אין די ווינ-קעלעך. מען דערציילט זיך מעשיות פון פאַרצייטן. אַמאָ-ליקע מענטשן, אַמאָליקע וווּנדער, היינט גאָר ניטאָ אַזוי-נע מענטשן.

און אין איין גרופּע דערציילט מען זיך מעשיות ווי מען פלעגט פאַרצייטן פאָרן.

— איר ווייסט דען היינט וואָס פאָרן מיינט? מען זעצט זיך אַריין אין אַן אַעראָפּלאַן און מען פליט. איז דאָס עפּעס אַ קונץ אַזוי צו פאָרן. אָבער פאַרצייטן אַז מען פלעגט דאַרפן פאָרן, איז דאָס עפּעס געווען שוין איין מאָל אַ פאָרן: טעג, און וואָכן, און חדשים פלעגט מען דאַרפן אָפּ-

זיצן אין וואָגן. און מען פלעגט גאָר דאַרפן רייטן אויף אַן אייזל, אויף אַ קעמל, אָדער אויף אַ פערד. און דאָך פלעגט מען פאָרן ווייט, ווייט.

— וואָס, איר רעדט וועגן פאָרן? — זאָגט איין ייִד, — אָט הערט נאָר וואָס עס דערציילט דער פאַרצייטיקער רבה בר בר חנה פון זיינע רייזעס, וועט איר שוין וויסן.

— אַנו, אַדרבה, דערציילט, וועלן מיר הערן, — בעטן זיך אַלע ייִדן, — און דער ייִד זעצט זיך צו און ער דערציילט:

— עס דערציילט רבה בר בר חנה אָט אַזוי:

— א —

ניטאָ אויפן הימל קיין גנבים

— איין מאָל האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג אַריין. וווהין? — ווו די וועלט האָט אַן עק. ווו איז דער עק פון דער וועלט? — אָט דאָרטן ווו עס טרעפן זיך הימל און ערד, ווייט, ווייט. זיינען מיר געווען אַ גאַנצע מחנה, האָבן מיר מיטגענומען קעמלען אויף צו רייטן אויף זיי, אייזלען צו טראָגן פאַר אונדז עסן און וואַסער צום טרינקען, און מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין, אַלץ אַהין, אַהין ווו די וועלט האָט אַן עק, ווו די ערד האָט אַ ברעג, אָט דאָרטן ווו דער הימל ליגט מיט זיין ראַנד אויף דער ערד.

איז מען געגאַנגען און געגאַנגען, געריטן און געריטן, געקראָכן אין טאָלן, געקלעטערט אויף הויכע בערג, — און מען איז נאָך ניט דערגאַנגען צום אָרט ווו הימל און ערד קומען זיך צונויף. האָבן אַ סך פון די מיטפאָרער זיך

דערשראָקן און זיך אומגעקערט אַהיים. איז אָבער רבה בר בר חנה דאָך אַן איינגעשפּאַרטער, האָט ער זיך גע־נומען צו עפּעס, וועט ער קיין חרטה ניט האָבן, פּאָרט ער אַליין. פּאָרט ער אַ טאָג און אַ וואָך און אַ סך וואָכן און אָט איז ער געקומען צום סאַמע אָרט ווו הימל און ערד קושן זיך. געקומען, אַראָפּ פון קעמל, געלאָזט אים עסן גראָז אויף דער ערד און ער אַליין האָט זיך צוגעשפּאַרט אָפּ־רוען אויף דעם ראַנד פון דער ערד און מיט דער היטל אָנגעשפּאַרט אָן הימל.

דערמאָנט ער זיך: ער האָט דאָך זיין עסן ניט באַ־האַלטן! ווער ווייס ווי לאַנג עס וועט נעמען ביז ער וועט קומען צוריק צו מענטשן, און ער דאַרף היטן זיין ביסל עסן. הייבט ער זיך אויף, גייט צו צום אייזל, נעמט זיין פּעקל מיט דעם זעקל און לייגט עס אַוועק אויף איינעם פון די פענצטערלעך וואָס אין הימל, פון וואַנען עס רע־גענען די רעגנס, עס האָגלען די האָגלען און עס שנייען די שנייען. איינגעאָרדנט, און זיך אַוועקגעלייגט צוריק אָפּ־רוען זיך. איז ער איינגעשלאָפן רבה בר בר חנה. וויפל ער איז אַזוי געשלאָפן דאָרטן ווו הימל און ערד קושן זיך ווייס ער ניט, — נאָר אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט איז ער גע־ווען הונגעריק. גייט ער צו איין פענסטערל, גיט אים אַ דריק, — און עס גיסט זיך וואַסער ווי פון אַ קראַן, וואַשט ער זיך, און ער זוכט זיין עסן ווו ער האָט עס פאַרן שלאָף אַוועקגעלייגט, ערשט, אוי ווי: ניטאָ קיין עסן! ער זוכט אין איין פענצטערל, אין אַ צווייטן, אין אַלע פענצטערלעך

וואָס אַרום — און ניטאָ זיין ברויט. ווערט ער זייער טרויע-ריק, ווילט זיך אים וויינען; אָבער איז דען רבה בר בר חנה אַ קינד ער זאָל וויינען? הייבט ער אָן צו טראַכטן: ווער האָט עס געקענט צונעמען זיין עסן? אַז קיין מענטשן זיי-נען דאָ ניטאָ אויף דעם עק פון דער ערד און אויפן הימל זיינען דאָך געווים קיין מענטשן ניטאָ, טאָ ווער האָט דאָ געקענט גנבענען? סיידן ניט אַנדערש — אַ מלאך פון הימל האָט עס צוגענומען. טאָ צו וואָס דאַרף ער דאָס, אַז עסן עסן ניט די מלאָכים? ווערט רבה בר בר חנה גאָר שטאַרק אין כעס און ער הייבט אָן צו שרייען:

— וואָס איז דאָ? זיינען אויך אין הימל פאַראַן גנבים?!

און ווי ער שטייט אַזוי מיט אַן אָפענעם מויל, מיט די הענט אין דער הייך, הערט ער ווי אַ שטימע רעדט צו אים פון הימל אַרויס, אַ בת-קול; און דער בת-קול זאָגט:

— שאַ, רבה בר בר חנה, שרייט ניט אַזוי! ניטאָ ביי אונדז אויפן הימל קיין גנבים. נאָר איר מענטשן פאַר-שטייט ניט ווי די וועלט פירט זיך, מיינט איר, אַז אַנדערע זיינען שולדיק. האָט אַזאַ קלוגער ייד ווי איר זייט, דאָך געדאַרפט זען אַלע נעכט ווי אַלע שטערן מיט דעם גאַנצן הימל דרייען זיך אַרום און אַרום דער ערד, נו האָט זיך אויך דאָס פענצטערל מיט אייער ברויט שוין אַוועקגע-רוקט. וועט איר וואַרטן אַ טאָג מיט אַ נאַכט, גאַנצע פיר און צוואַנציק שעה, וועט דאָס פענצטערל מיט אייער ברויט קומען צוריק אויף זיין פריערדיקן אָרט.

האָט זיך רבה בר בר חנה פאַרשעמט און זיך געלייגט

אַ הונגעריקער וואַרטן אויף זיין ברויט וואָס אויף דעם פענצטער פון הימל.

זיצן די יידן און שאָקלען מיט די קעפּ: אַ פיינע מעשה!

— ב —

אַ פ אַ ל ש ע ר א י נ ד ז ל א י ן י ם

און אַמאָל, — דערציילט ווייטער דער ייד, — האָט זיך מיט רבה בר בר חנה געטראָפן נאָך אַ מעשה: מען האָט זיך געלאָזט פאָרן אויף דעם ים. איך ווייס אַליין ניט וואוהין — אפשר אין דעם לאַנד אופיר, וואו גאָלד וואַלגערט זיך אויף דער ערד אָדער אַנדערש וואו. פאָרט מען אַזוי טעג און וואָכן. און אַמאָל פאָרן אויף שיפן איז שוין גאָר ניט ווי איצט. איצט זיינען דאָ מאַשינען, שיט מען קוילן, גיסט מען וואַסער, קאָכט דאָס וואַסער, ווערט אַ דאַמף, דרייען זיך די רעדער פון דער שיף — און פאָר וואוהין דו ווילסט. און די שיפן איצט זיינען גרויסע, ווי די גרעסטע הייזער — זיצט מען אין שיף און מען עסט, און עס פאָרט זיך. ניט אַזוי איז געווען אַמאָל: קיין מאַשינען זיינען ניט געווען. טאָ ווער האָט די שיפן געשלעפּט? — דער ווינט. פלעגט מען אָנציען אויף הויכע מאַסטביימער פון שיף אַזוינע לייוונטן, זעגלען פלעגט מען דאָס רופן. פלעגט דער ווינט בלאָזן אויף די זעגלען און טרייבן די שיף. גיי אָבער, היים דעם ווינט בלאָזן אַהער, אַז ער וויל גאָר בלאָזן אַהין. זיינען שוין איין מאָל געווען צרות מיט יענע שיפן, פרעגט ניט. פלעגט זיין דאָס פאָרן אויף די ימים זייער אַ גרויסע סכנה. איז אָבער רבה בר בר חנה דאָך ניט פון די שרעקעדיקע

— פאָרט ער. טראָגט זיך זיין שיף מיט ווינטן שוין לאַנגע טעג. וואַסער אונטן, הימל אויבן. גייט אַלע פרימאָרגן די זון אַרויס פון ים, מאַכט איר שפּאַציר איבערן הימל און פאַרגייט פאַרנאַכט ווידער אין ים. איז גוט אַז דער ים איז רויק, שטיל, די ווינטן זיינען ניט צו שטאַרק. האָט זיך אָבער דאָ געמאַכט אַן אומגליק — אַ שטורעם אַ שטאַרקער אויפן מיטן ים. דער הימל איז אין גאַנצן באַדעקט מיט וואָלקנס, פינצטער ווי ביינאַכט. און די ווינטן שטורעמען, יאָגן, טרייבן, און זיי שרייען, וואָיען, קלאָגן ווי די הונגערי-קע וועלף אין וואַלד, דאָ וויינען זיי ווי טויזנטער קינדער דערשראָקענע וואָלטן זיך צעוויינט, דאָ ברומען זיי ווי הונדערטער לייבן. עס דרייען זיך די וואָלקנס אויפן הימל און עס הייבן זיך אויפן ים כוואַליעס ווי בערג די גרייס, דער ווינט שמייסט זיי ווי מיט בייטשן און זיי טראָגן זיך איבערן פינצטערן ים ווי די פייערדיקע טאַנקען אין אַ מלחמה. און רבה בר בר חנהס שיף איז אין מיטן ים! שוין לאַנג ניטאָ די זעגלען — דער ווינט האָט זיי אַראָפּגעריסן, די מאַסטביימער זיינען צעבראָכן און די גרויסע כוואַליעס טראָגן זיך אויף דער שיף פון אַלע זייטן ווי זיי וואָלטן גע-ווען חיות ווילדע און זיי ווילן זי איינשלינגען.

די מענטשן אויף דער שיף קענען אויף די פיס ניט שטיין, עס וואַרפט זיי אַהין און אַהער. זיי זיינען אַלע גע-ניטע ים-פאָרערס, אָבער אַזאַ שטורעם האָבן זיי נאָך קיין מאָל ניט געזען.

וואָס טוט רבה בר בר חנה? — ער שטייט אין אַ ווינ-

קעלע, האַלט זיך אָן אָן אַ שטיקל פון צעבראָכענעם מאַסטבוים און ער בעט ביי גאָט. ער שטייט און קוקט אין זיין שפּאַקטיוו. אפשר לייטערט זיך דער הימל אויס, אפשר וועט דאָך דער שטורעם אויפהערן, אפשר וועט דער ים זיך איינשטילן...

און ווי ער קוקט אַזוי, באַמערקט ער: אַן אינדזל אין ים! ווערט אַ שמחה, ווערט אַ פריייד: גאָט ראַטעוועט זיי! אויפן אינדזל וועלן זיי איבערוואַרטן דעם שטורעם! נעמט מען זיך אָן מיט פרישע כוחות און מען נעמט קערעווען די שיף ווי מען קען צום אינדזל.

— צום אינדזל! צום אינדזל, — און מיר זיינען געראַ-טעוועט! — שרייען די מענטשן אויף דער שיף און מען רודערט מיט די לעצטע כוחות ביז מען קומט טאַקע צום אינדזל. אַ אינדזל ווי אַלע אינדזלען דאַכט זיך. אַ קליינער אינדזל, אָבער עס וואַקסט גראָז, מען קען אַ שטוב אַוועק-שטעלן אויף דעם אינדזל.

גייען זיי אַרויס פון שיף אויפן אינדזל, רוט מען זיך אָפּ פון שרעק און פון דער שווערער אַרבעט. דערווייל באַ-רויקט זיך אויך דער ים. געגוג שוין געשטורעמט. און ווי זיי ליגן אַזוי, גיט איינער אַ זאָג: מען דאַרף גאָר אויפקאָכן טיי, שוין לאַנג קיין וואַרעמס ניט געהאַט אין מויל.

— אדרבה, פאַרוואָס ניט? זאָגן אַנדערע. און מען קלייבט אָן טרוקענע ים-גראָזן אויף דעם אינדזל, מען גע-פינט אין אַ קעשענע אַ טרוקן שוועבעלע און מען מאַכט פייער.

ערשט ווי נאָר דאָס פֿייער האָט זיך גוט צעברענט, האָט זיך דער אינדזל גענומען וואַרפֿן, ציטערן, שליידערן זיך. אַ גליק — די שיף איז געשטאַנען דערבײַ, איז מען אויף גיך אין שיף אַרײַנגעשפּרונגען. שטייען זיי אין שיף שוין און זיי קוקן — ערשט דער אינדזל איז גאָר ניט קיין אינדזל ניט געווען. אַ גרויסער פֿיש אַזאַ פֿון ים איז עס געווען. ער איז געלעגן און זיך גערוט, און זײַן רוקן האָט אַרויסגעשטעקט פֿון וואַסער. ווער ווייס ווי לאַנג אַזאַ פֿיש קען זיך ליגן. אַז זיי האָבן אָנגעצונדן פֿייער, געוואָלט זיך מאַכן אַ שטיקל היים אויף דעם, וואָס זיי האָבן געמיינט אַז עס איז פּשוט זיי אַ רו-אינדזל, נו, האָט עס זיי געוויזן: געטרויט ניט קיין פֿיש אין אַ שטורמישן ים...

אַ פּאַטש אין טיש האָט אַלעמען אָנגעזאָגט, אַז מען נעמט זיך דאַווענען. אַלע מעשׂיות האָבן אויפֿגעהערט. געענדיקט.

אַ מעשה מיט פיר קאַרטאָפל

וועז

די דייטשן האָבן זיך גענומען נאָך שטאַרקער ווי פריער אומצוברענגען די יידן: די געזינטערע האָבן זיי געמאַכט פאַר קנעכט, די שוואַכערע, קראַנקע, אַלטע און קינדער — גענומען פאַרברענען אין קאַלכאויוונס, איז דער טרויער אין געטאָ אין ווילנע געוואָרן נאָך גרעסער. מען זוכט עצות און מען געפינט ניט. ווער קען זיך ראַטעווען? ווי קען מען זיך ראַטעווען?

אין יענע טעג האָט איין קליינע משפחה זיך פאַרקליבן אין אַ באַהאַלטענעם צימער און דאָרטן געלעגן, כדי זיך צו באַהאַלטן פון די בייזע דייטשן. עס זיינען דאָרטן גע-ווען אַ מאַמע מיט דריי קינדער, וואָס דער עלטסטער צווישן זיי, שמוליק, איז געווען ניין יאָר אַלט.

דער טאַטע איז ניטאָ שוין. די דייטשן זיינען געקומען אין מיטן נאַכט און האָבן אים אַוועקגעפירט. „אויף אַר-בעט דאַרפן זיי אים האָבן" — האָבן זיי געזאָגט, אָבער אין דער אמתן האָבן זיי אים אַוועקגעפירט אין אַ וואַלד

ניט ווייט און דאָרט האָבן זיי שוין געהאַט צונויפגענומען
אַ סך יידן וואָס זיי האָבן אָפּגענאַרט. האָבן די דייטשן גע-
צוווּנגען די יידן, זיי זאָלן אויסגראָבן גרויסע גריבער. נאָך
דעם האָבן זיי די יידן אין די גריבער אַריינגעטריבן, זיי
דערשאָסן אַלעמען און מיט אַ ביסל ערד פאַרשאָטן.

האָט די מאַמע מיט אירע קינדער געוואַרט, ווען וועט
דער טאַטע שוין קומען פון דער אַרבעט, וואָס די דייטשן
האָבן געזאָגט, האָבן זיי געוואַרט און געוואַרט און אומ-
זיסט. האָבן זיי שוין פאַרשטאַנען, אַז דער טאַטע וועט
צוריק ניט קומען. און וואָס צו עסן איז ניטאָ און בעטן ביי
אַנדערע יידן אין געטאָ קען מען אויך ניט, קיינער האָט
ניט. און אַרויסגיין פון געטאָ האָט מען מורא: די דייטשן
וועלן כאַפּן און זיי וועלן טייטן. איז וואָס זאָל מען טאָן?
וואָס קען מען טאָן?

זיצט די מאַמע און קוקט מיט געשוואָלענע אויגן ווי
די קינדער אירע ווערן פון טאָג צו טאָג אַלץ שוואַכער, ווי
זיי גייען אויס פון הונגער און פון קעלט אין דעם באַהאַל-
טענעם קליינעם צימער. ליגט אויך דער נייניאָריקער
שמוליק און ער טראַכט שטילערהייט אין זיך: וועט ער
זיצן אין שטוב, וועלן זיי דאָך אויסשטאַרבן, — וועט ער
פּרובירן אַרויסגיין פון געטאָ עפּעס קריגן, קען דאָך זיין
אַז ער וועט עפּעס קריגן פאַר אַלעמען צום עסן, — און
אַז מען וועט אים כאַפּן, — וועט ער אַליין דאָך שטאַרבן,
וועט די מאַמע מיט די קינדער דאָך אפשר געראַטעוועט
ווערן.

האָט ער גענומען דעם טאַטנס אַלטן מאַנטל, שטי-

לערהייט זיך פון שטוב אַרויסגעכאַפּט און ווען עס איז געוואָרן פינצטערלעך, איז ער איבער דעם מויער פון געטאָ, אַריבערגעקראָכן צו דער גוישער זייט און גענומען זוכן צו קריגן וואָס צו עסן פאַר דעם מאַנטל פון געשטאָרבענעם טאַטן. ער איז געלאָפן צו זייער גאַס ווו זיי האָבן געוווינט איידער מען האָט זיי פאַרשפּאַרט אין געטאָ. דאָרטן קען ער דאָך אַלע גוישע שכנים, מיט די קינדער זיך געשפּילט, זיין טאַטע-מאַמע האָבן דאָרטן גוטע פריינד געהאַט — זיי וועלן אים העלפן.

אָט איז זייער שטוב, עס איז ליכטיק דאָרטן, עמיצער שפּילט אויף זייער פּיאַנע, ער זעט דורכן פענצטער זייער מעבל... ער וועט אַהער ניט צוגיין — אפשר ווינט דאָ גאָר אַ דייטש, מען וועט אים כאַפּן. ער וועט אָנקלאַפּן צו די קיסעלעווסקים, אַ סך מאָל געווען דאָרטן אין שטוב, מיט די קינדער זיך געשפּילט, גוטע פריינד געווען.

אָנגעקלונגען אין טיר.

— ווער איז דאָ?

— ס׳איז איך, שמוליק, אייער סטאַסיקס חבר. מיר שטאַרבן אין געטאָ פון הונגער. גיט מיר פאַרן טאַטנס מאַנטל עפּעס צו עסן...

— אַנטלויף גיכער פון דאַנען, דו קליינער טייוול פון געטאָ! מיר וועלן באַלד דערציילן די דייטשן, וועסטו שוין ניט דאַרפן עסן מער, פאַרשפּאָרן צו בעטלען...

ווי אַן אונטערגעשאָסענער איז שמוליק אַנטלאָפן פון דער טיר.

ער וועט נאָך פּרובירן אין אַנדערע הייזער. ניט אַלע זיינען אַזוינע שלעכטע. ער טראַכט: ווי קענען מענטשן זיין אַזוינע בייזע, — און געווען זיינען זיי דאָך די בעסטע גוטע פריינד. נאָך גאר ניט לאַנג. שמוליק קען דאָס ניט פאַרשטיין.

ער גייט וויטער, צוגעגאַנגען צו אַ צווייטער טיר.

ער וועט שוין ניט זאָגן ווער ער איז, עס טויג ניט מען זאָל וויסן.

אָנגעקלונגען. ער הערט אין דרויסן, ווי דאָס גלעקל קלינגט אינעווייניק אין שטוב. עס קלאַפּט אים שטאַרקער אין האַרצן.

— ווער איז דאָרטן?

— גיט אַן אָרעמען קינד אַ נדבה! נאָט אייך אַ גוטן מאַנטל, גיט אַ שטיקל ברויט!

די טיר האָט זיך געעפנט, אַ קריסטלעכע פרוי האָט זי געעפנט, זי האָט אויף שמוליקן אַ קוק געטאָן און אים דערקענט.

— דו, שמוליק? קום אַריין! — זי האָט אויף גיך פאַרהאַקט די טיר אויפן שלאָס. שמוליק איז געשטאַנען און האָט געציטערט: מען וועט באַלד דערציילן די דייטשן און ער וועט אַפילו ניט קענען אַנטלויפן. אין שטוב איז וואַרעם און ליכטיק. אַמאָל איז ביי זיי אויך געווען אַזאַ שטוב, נאָך אַ שענערע.

די פרוי האָט אויף אים געקוקט און געשוויגן, נאָר די אויגן האָט זי זיך געווישט מיט אַ טיכל.

— וואָס ווילסטו, שמוליק?

שמוליק האָט, כאַפּנדיק, אויף גיך דערציילט וואָס עס טוט זיך ביי זיי: — דער טאַטע ניטאָ, די דייטשן האָבן אים פאַרפירט, ניט צוריקגעקומען. ניטאָ וואָס צו עסן, שלאָפן אויף דער ערד אָן אַ קישן איז קאַלט, די הייזער ניטאָ מיט וואָס צו הייצן... נאָר עסן! אָן עסן איז ערגער ווי אַלץ. נאַט אייך דעם מאַנטל און גיט מיר עפּעס צום עסן.

די פרוי האָט נאָך אַלץ געווישט די אויגן, האָט דאָך גענומען דעם מאַנטל, אים גוט באַטראַכט, אַרויס מיטן מאַנטל אין קיך און איז געקומען צוריק מיט אַ פּאַפּירע־נעם זעקל.

— נאַ דיר פאַר דיין מאַנטל און לויף אויף גיך אַהיים

— איך האָב מורא ריך צו האַלטן אין מיין שטוב. זאָל אייך גאָט העלפן! — האָט זי צוגעגעבן און זיך איבערגעצלמט פרום. זי האָט שמוליקן צוגעפירט צו דער טיר, אים אַרויס־געשטופּט גיך און גלייך די טיר צוריק פאַרהאַקט. אין דער פינצטער, שוין אין גאַס, האָט שמוליק אָנגעטאַפּט אין זעקל אַ שטיקל ברויט און פיר קאַרטאָפל.

איז ער מיט די פיר קאַרטאָפל געלאָפן גיך צוריק. ס'איז פינצטער, מען וועט ניט באַמערקן, אַז ער איז אַ יידיש קינד. די מאַמע וועט אָפּקאָכן די קאַרטאָפל, און מען וועט עסן. עס וועט זיין גוט... אָט איז ער שוין ביי דער געטאָ־וואַנט, ער קריכט שוין צוריק אין געטאָ אַריין... מען האָט אים אָבער באַמערקט, דער דייטשישער היטער האָט דערזען — עמיצער קריכט, האָט ער אויסגעשאָסן.

די קויל האָט שמוליקן געטראָפן און אים פאַרוואונדעט. ער איז אַראָפּגעפאַלן פון מויער, אָבער שוין אינעווייניק אויף דער יידישער זייט, שוין אין געטאָ. איז ער געלעגן און האָט געקרעכצט פון ווייטאָק. עטלעכע יידן זיינען צו אים צוגעלאָפן. האָט זיי שמוליק פריער פאַר אַלץ דער־לאַנגט די פיר קאַרטאָפל.

— גיט עס אַוועק מיין מאַמען, זאָל זי זיי אָפּקאָכן און עסן מיט די קינדער. איך וועל שוין בעסער דאָ שטאַרבן, — האָט שמוליק געזאָגט צו די יידן.

אָבער די יידן האָבן אים ניט געלאָזט שטאַרבן — זיי האָבן אים גענומען און אַוועקגעטראָגן.

וואוהין?

אין באַהאַלטענעם יידישן שפּיטאָל.

צו די לערער

עס איז דער טיפסטער גלויבן ביים צוזאמענשטעלער, אז די יידישע שול, דער יידישער טייל אירער מוז בלייבן ווי זיי זיינען געווען דורך אלע דורות הומאניסטיש־ליטעראריש. דער ציל פון דער יידישער שול איז אויסצוהאדעווען אקטיווע יידן אין יידישן לעבן. און די אקטיווקייט דארף זיין ניט סוגעסטירט, איינגערעדט דורך פעיקע אגיטאטארס. די יידישע אקטיווקייט דארף זיין ארגאניש פארבונדן מיטן גאנצן אינהאלט פון דעם מענטשן אין זיין אנטוויקלונג. קיינע אנדערע פעלקער וואס לעבן א פארזיכיקן סאציאל־פאליטישן לעבן דארפן פאר דעם ניט זארגן: די סביבה גיט שוין דעם נאציאנאלן אינהאלט און פארמע אפילו אן ספעציעלער באלערנונג און דערציונג. אזוי איז עס אויך געווען ביי יידן אין די ניט־עמאנציפירטע קיבוצים — א ייד האט געקאנט זיין דער גרעסטער עם הארץ, און דאך איז ער געווען א ייד. פאר אונדז אין די עמאנציפירטע קיבוצים איז דווקא דאס די הויפט־אויפגאבע פון דערציונג.

פעלקער באמיען זיך צוצובינדן די יוגנט צום קאמפלעקס „פאטערלאנד” לויט מדרגות פון מאטעריעלן צום גייסטיקן אינהאלט פון דעם באגריף.

עס איז תמיד ריכטיק דער כלל: וויל מען דאס קינד זאל איינגעגלידערט ווערן אין פאלק, דארף מען דעם געבן די גייסטיקע אינהאלטן פון פאלק. און אינהאלט מיינט פון די פרימיטיווסטע פאלקס מעשיות און ווערטעלעך ביז דעם כוזרי, מורה נבוכים און יוחנן מלמד (יוחנן מלמד איז דער גרויסער קאלעקטיווער פילאסאף פון יידישקייט, וואס פרץ האט זוכה געווען צו געבן נאר א פראגמענט פון אים). בהדרגה, לויטן ביא־גענעטישן כלל — וואס ייגגער דאס קינד, אלץ יינגער דארף זיין דער פאלקס־מאטעריאל. און „יונג אדער אלט” ביי א פאלק איז ניט קיין היסטארישער באגריף, נייערט א פסיכאלאגישער. איינצייטיק קענען אין פאלק זיין יינגערע און עלטערע קולטור־עלעמענטן. איינצייטיק לעבן אין פאלק פשוטערע קרייזן — „עמך” און ראפינירטערע, טיפערע. איז דאס פשוטע — דאס יינגערע, דאס וואס מוז קומען פריער אין שול אויך. חומש מעשהלעך, מעשיות ווענן סמבטיון זיינען קולטורעל פון איין עלטער, כאטש געשיכטלעך ליגן צווישן זיי טויזנטער יארן. דאס פרימיטיווע פאלקס־שאפן הערט אין א

פאָלק קיין מאָל ניט אויף, סיידן דאָס פאָלק האַלט אין בהדרגהדיקן אָפּ־שטאַרבן.

און דערפאַר איז דער גאַנג פון די אינהאַלטן אין שול אזא: פאָלקס־שאַפן — פאָלקסטימלעך שאַפן ביז צו מייסטער־שאַפן פון יחידים אין פאָלק.

דער פרינציפּ פון אָפּקלייב איז ניט קדושה און װאָכעדיקייט, נייערט — די גאַנגבאַרקייט אין פאָלק. דאָס װאָס דאָס פאָלק נוצט (אָדער האָט גענוצט) מערער איז בילכער. װייניקער אין פאָלק — אויך װייניקער אין שול. הייליקייט, טייערקייט, אָדער פאַרקערט איז ניט קיין זאַך פון רעלי־גיע, נייערט פון באַליבטקייט אין פאָלק און פון אַרויסברענגען דעם פאָלקס אָריגינעלן גייסט.

שפּראַכן זיינען ניט װי פלאַשן װאָס מען האַנדלט אַיין כדי אין זיי אַריינצוגיסן גוטן װיין, נייערט זיי דאַרפן אויפגענומען װערן װי א לבוש צוזאַמען מיטן אינהאַלט. מיר לערנען ניט קיין הייליקייט, װי מען האָט געהאַלטן אין מיטלעלטער. „האַרציקער גאָט", „קודשא ברוך הוא" זיינען ניט װייניקער הייליק װי „הקדוש ברוך הוא". איטלעך װאָרט װאָס ס'פאָלק האָט אין דעם אַריינגעטאָן זיין אָריגינעלן גייסט איז שוין דערמיט אַליין הייליק. די װערטער פון חומש זיינען געגעבן געװאָרן למשה מסיני צוזאַמען מיט זייערע טייטשן, האָט דעם געדאַנק אויסגעדריקט א פרומער ייד אויף זיין שטייגער (חומש טייטש, ייװאָ, זייט 14, אין הערה נומ' 1). אונדזער מעטאָדיק װעט דערגרייכן איר שלמות װען עס װעלן אָפּגעמעקט װערן די תחומים צװישן יידיש און העברעיש אין לערנען.

דער צוזאַמענשטעלער האַלט אויך ניט פון װערטער־אָפּקלייב, פון צוציילן װערטער פאַר איטלעכן קלאַס, כאָטש עס איז איצט שטאַרק אין דער מאָדע אין אַמעריקע. מיר לערנען ניט קיין װערטער, נייערט אינהאַלטן מיט זייער װאָרט־לבוש. פאַרשטיין א װאָרט מיינט ניט קענען מיט אים אַסאָצייִרן א צװייטן װאָרט אין א צװייטער שפּראַך, אָדער עפּעס א פאָר־שטעלונג. נייערט עס מיינט קענען דאָס װאָרט (און נאָך בעסער — דעם זאַץ) באַנוצן אַדעקוואַט אין געהעריקן קאָנטעקסט. האָבן אונדזערע מאַמעס זייער גוט „פאַרשטאַנען" דעם אויסדרוק „דער סװאָרן איז מחיה" (די סברא איז מחייב), והא ראיה — זיי האָבן עס גענוצט װו עס פּאַסט. די פּילאָלאָגישע עלעמענטן — מעגן מיר לאָזן אויף שפּעטער. מיר דערשרעקן זיך ניט פאַר אַן אויסדרוק „הערט א משא מתן" אין צװייטן לערן־יאָר. און זאָל דער לערער זיך אָפּהיטן פון פּרוּװן דערקלערן די קינדער די פּינקטלעכע באַגריפן פון די װערטער! זאָל ער נאָר שאַפן עטלעכע זאַצן מיט די װערטער אין א פּאַסיקער אַקטועלער אָדער װערבאַלער סיטואַציע. זאָל דער לערער די זעלביקע אויסדרוקן נוצן אויך שפּעטער ביי פּאַסיקע סיטואַציעס. דערקלערונגען זיינען גאָר ניט נייטיק.

בכלל איז עס איינער פון די גרעסטע פּעדאַגאָגישע פעלערן װאָס זיי־

נען צום באדויערן שטארק פארשפרייט — דאָס ווען לערנען סינטעטיש — פון עלעמענטן צו גאנצקייטן. פון ווערטער צו אינהאַלטן, ווי פון ציגל באזונדערע וויל מען אין די מוחות אויפבויען דאָס גאנצע. מען לערנט צו פיל ביי אונדז ווערטער און פארטייטשן איידער מען גיט די קינדער עפּעס א גאנצע זאך. די קנאפּסטע רעזולטאטן פלעגן געבן אין חדר די טייטשן וואָס מען פלעגט טייטשן יאָרן לאנג די ווערטער פון חומש. קיי־נער האָט זיך פון דעם ניט אויסגעלערנט פארשטיין דעם קלענסטן העבּ־רעישן טעקסט, סיידן מען איז דערגאנגען צו גמרא ווו מען האָט קיין מאָל ניט געלייגט קיין אכט אויף באזונדערע ווערטער. לאָמיר ניט קלייבן קיין ווערטער, לאָמיר ניט דערקלערן קיין ווערטער, לאָמיר געבן גאנצע קאָנ־טעקסטן, אינהאַלטן — ווען די ווערטער במילא קומען אגב דעם אינ־האַלט. אַן אָרגאניזם קען מען מיט עלעמענטן ניט האָדעווען.

און דערפאר גיבן מיר אָפּ די ערשטע פאר יאָר אין שול איבערהויפּט אויף מעשהלעך — פאָלקס־שאפונג, פאָלקסטימלעכע שאפונג און קונסט־ווערק. אין דעם ערשטן יאָר, גלייך ווי די קינדער לערנען זיך אוים לייע־נען (דאָס ווערט דערגרייכט אָן ספּעציעלע לערן־ביכער) גייען מיר צו צו מעשהלעך און לידלעך — די סאמע איינפאכסטע. פאר עטוואָס עלטערע קינדער קומט דער צווייטער באנד וואָס מיר גיבן דאָ. דער גאנצער מאַ־טעריאל איז גענומען פון פאָלק.

א גרויסן טייל האָט דער צוזאמענשטעלער אליין געדאַרפט באארבעטן. דאָס האָט ער געטאָן ניט דערפאר ווייל ער האַלט זיך פאר מומחה אויף דעם געביט, נאָר ווייל אונדזערע וואָרט־מייסטערס האָבן דעם געביט פון פאָלקלאָר שטארק פארלאָזן. מוז א לערער נעמען די אויפגאבע אויף זיך. דער גאנצער מאטעריאל שטאמט פון פאָלקס־קוואַלן. עס האָט זיך אָבער שטארק געבעטן ניט באגרעניצן זיך מיט דעם מאטעריאל פון פיקסירטן, פון אַלטן; מען מוז כסדר אויך דעם היינט פארוועבן אין א מעשה. זיכער האָט ערגעץ דאָס פאָלק אויך אונדזער גרויליקן היינט ארייננעוועבט אין זיין שאפן. עס איז לײדער צו אונדז ניט דערגאנגען, האָבן מיר געמוזט עס טאָן פארן פאָלק. אויף וויפל דאָס איז אונדז געלונגען וועלן מיר הערן פון אנדערע — פון קריטיקער, פון לערער וואָס וועלן דאָס בוך נוצן אין זייער ארבעט. און מיר גאראנטירן, אז מיר וועלן גערן אין א ווייטערדיקער אויפלאַגע פארבייטן דעם מאטעריאל אויף א בעסערן וואָס יידישע וואָרט־קינסטלער וועלן שאפן.

אויך דער געוויינטלעכער מעטאָד פון לערנען דערציילונגען ווי לערער זיינען זיך ביי אונדז נוהג שמעקט מיט דעם אַלטן הערבּארטן: איבער־לייענען, דערקלערן די ווערטער און אויסדרוקן, מעכאניש לייענען, איבער־דערציילן מינדלעך און שריפטלעך, איינחזרן די נייע אויסדרוקן און גיין ווייטער (געענדיקט דעם „מעטאָדישן איינס"!). די ריכטיקע סביבה ווי

דורכצונעמען א ווערק אין קלאַס, גלייב איך צו האָבן געגעבן אין מיין „בכעמע פון דורכנעמען א ווערק אין קלאַס" (א. גאָלאָמב, געקליבענע שריפטן, ערשטער באַנד, זייט 277), און איך וויל זיך דאָ מער ניט אָפּשטעלן אויף דעם. מען דאַרף נאָר צוגעבן אַז עס איז קאַטעגאָריש נייטיק אויסצונוצן דאָס שוין איין מאָל געלערנטע ביי אַלע געלעגנהייטן שפּעטער, אַריינפלעכטן דאָס אַלטע אין דעם נייעם, מען דאַרף שאַפן געלעגנהייטן ווו דער אַלטער שוין דורכגענומענער מאַטעריאַל זאָל ווידער און ווידער קומען אין ווארשטאַט פון באַאַרבעטונג, פאַרבונדן מיט אַלע נייע סיטואַציעס, געקניפּט מיט נייעם מאַטעריאַל און איבערהויפּט אין קאָמבינאַציעס מיט געשאַפענע דורכן לערער אַקטיווע מאָמענטן פון קאָלעקטיוון לעבן אין קלאַס. בשום אופן ניט לשם דעם אַזוי פּיל עקספּלאָאַטירטן „איבערחזרן". ניטאָ א זאַך וואָס איז אַזוי אומפעיק אַריינצוציען אין דער אַרבעט די טיפערע עמאָציאָנעלע מקורים פון ענערגיע פון די קינדער ווי אָט דאָס סתם לערנען „כדי בעסער צו וויסן". ניט אומזיסט עקסיסטירט אין גמרא דער פּראַקטיקער כלל, אַז מען דאַרף דעם „מנובל" — דעם יצר־הרע שלעפּן אין בית־מדרש אריין. מיר, דערוואַקסענע קענען דען זיך צווינגען צו זיצן שעהן לאַנג און לערנען זאַכן נאָר כדי מיר זאָלן וויסן? וואָס זשע ווילן מיר פון די קינדער אַזאַ אָנשטרענגונג? האָבן זיי דען צו דעם גייסטיקע כוחות? די אָנציונגס־מיטלען וואָס שולן באַנוצן געוויינטלעך ווי באַלוינונגען און שטראָפן ברענגען מער שאָדן שוין דערמיט אַליין וואָס זיי דרייען איבער די יוצרות! דער ציל פאַרן קינדס באַוווסטזיין איז די מיינונג, די גוטע לוין. דאָס וויסן, דאָס קענען ווערט דעגראַדירט נאָר צו א פּשוטן מיטל איינצוהאַנדלען די גוטע מיינונג. צו קויפן זי פון לערער און יוצא. נאָך דעם ווי די מיינונג איז שוין דאָ, — האָט דאָך דאָס וויסן שוין מער ניט קיין זינען, קיין ציל, טאָ צו וואָס דאַרף מען דאָס? זיינען דאָס צוויי פאַרקערטע איינשטעלונגען — דעם לערערס (אַלע לערער אין דער וועלט!) און פון די קינדער. דערפאַר טאַקע זיינען אַזוי אָפט די פאַלן וואָס די „בריות" איינצוהאַנדלען גוטע מיינונגען אין שול, האָבן פון זייער לערנען אין שול אויסער די מיינונגען פאַר זיך גאָר ניט, זייער אינטעליגענץ און זייער פּשוטער וויסן איז גאָרניט רייכער געוואָרן.

אין דער זעלביקער צייט קען איטלעכער לערער מיט עטוואָס דערפינדערישקייט געפינען מעגלעכקייטן אָן א צאָל צו שאַפן סיטואַציעס פון קאָלעקטיוון אויסלעבן זיך אין דעם געלערנטן מאַטעריאַל אויף א שעפערישן אופן. און דאָ וועלן געווים אַריינקומען אין אַקטיווקייט דער ווילן, „דער יצר־הרע", דערפינדערישקייט, און דאָס אָרגאַניש פאַרדייען דעם געלערנטן מאַטעריאַל, דאָס פאַרוואַנדלען אים אין טיילן פון איינענעם גייסט, וואָס בלייבט ניט הענגען נאָר אויף דעם טויטן זיכרון בלויז.

צוליב גרויסע טעכנישע שוועריקייטן ביים אַרויסגעבן יידישע ביכער האָבן די אָנשטרענגונגען פון מחבר און פון דרוקער ניט געראַטעוועט דאָס בוך פון גרויסע דעפעקטן וואָס דאַרפן אין אַ בוך פאַר קינדער ניט זיין.

מיין האַרציקן דאַנק דעם ה׳ ל. באַיאַן פאַר זיין גרויסער הילף ביים רעדאַקטירן, קאָרעגירן און ביים פורעמען דאָס בוך.

פאַר אַלע באַמערקונגען און אָנווייזונגען וועלן מיר זיין זייער דאַנקבאַר.

א. גאָלאָמב.

יידישע שול.

מעקסיקע, 15 יאַנואַר 1947.

אינהאַלט:

דאָס קינד און זיין חומש — לויט ביאַליק	זייט 3
גאָט באַצאָלט פאַר גוטס — סיוזשעט לויט בערדיטשעווסקי	20 ″
וועסטו זאָרגן פאַרן מאָרגן וועסטו ניט דאַרפן זאָרגן — ″	29 ″
מיזעלע מייזעלע — דער נסתר	38 ″
מאַרצעפּאַנעם — פון קאַדיע מאָלאָדאָווסקי	41 ″
אַלקע — פון קאַדיע מאָלאָדאָווסקי	44 ″
א מעשה מיט א האָן — פון דער נסתר	49 ″
דער פרעמדער — פון מאַני לייב	54 ″
א האָן מיט א הון — לויט א. שטיינבאַרג	59 ″
דער סמבטיון־פליער	63 ″
ל″ג בעומר — לויט א. שטיינבאַרג	69 ″
חד גדיאָ — פון מ. וואַרשאַווסקי	79 ″
א מעשה מיט א ציג א ווייסער — פון מנחם	83 ″
א ציגעלע א ווייס	84 ″
א שבת אין גן־עדן — לויט י. פּיכמאַן	85 ″
דער פאָרזיכטיקער האָן — פון א. שטיינבאַרג	93 ″
אין א קליין שטיבעלע — פאָלקס־ליד	99 ″
שטיפעריייען	100 ″
פאַרוואָס קרייט דער האָן? — פון א. שטיינבאַרג	101 ″
ווער עס ווייס זאָל ענטפערן — פאָלקס־ליד	
דער אומשולדיקער וועכטער — פון א. רייזען	103 ″
וואָס וויל דאָס מיידעלע	106 ″
אַלף־בית — פאָלקס־ליד	107 ″
משה מורשה — פאָלקס־ליד	108 ″
דער קלוגער משפט — לויט ש. בן־ציון	109 ″
דוד המלכס הייל — לויט ביאַליק	114 ″
דער שלאָף — פון מאַני לייב	126 ″
שלמה המלכס טאָכטער — פון פאַלק האַלפּערן	130 ″
רבה בר בר חנה דערציילט — לויטן תלמוד	143 ″
א מעשה מיט פיר קאַרטאָפל	151 ″
צו די לערער	158 ″